STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05384

MASKES

W. Niechcicki

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. & Mrs. Murray Menter
in memory of
Samuel Meltzer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. ניעכטשיצקי

מאסקעס

ד. סאָצ. ארבעטער פּארטיי פּועלי־ציון צ.ס. התאחדות א. אמ.
דזשענעראל קאָמיטעט

ווארשע 1931.

W. NIECHCICKI
MASKES
Drukarnia Uniwersalna
Warszawa, Długa Nr. 26.

מחשבותן

אידישער וועלט קאנגרעס
ביכער זאמלונג פארן אייראפעאישען אידענטום
WORLD JEWISH CONGRESS
BOOK COLLECTION FOR EUROPEAN JEWRY
NEW YORK 2, N.Y.

אַ סקריפּ פֿון דער שאַנק־טיר האָט זי אויפֿגעוועקט.

אויפֿמאַכנדיק די אויגן, שוואַך, קוים קליינע שפּאַרענקע־לעך, דערזעט זי, ווי דער מאַן שטייט אין די גאַטקעס בײַ דער שאַנק און שיילט אַ פּאָמעראַנץ, דער רויטער סאָק לויפֿט אים איבער די פֿינגער, ווי בלוט.

טופּנדיק מיט די באָרוועסע פֿיס, ווי אויף ווייכער ערד, גייט ער צו צום ניקעלן בעטל און דערלאַנגט דעם קינד אַ טיילעכל, און דאָס גרעסערע כאַפּט ער אין מויל אַרײַן און קײַעט מיט פֿולע באַקן.

— נאָך אַ שטיקל פּאָמעראַנץ! — בעט זיך דאָס קינד.

— נישטאָ, — ענטפֿערט ער איבערן רוקן, שטייענדיק בײַם פֿענסטער.

זי זעט, ווי ער נעמט אַרויס מיט די פֿינגער פֿלוימען פֿון קאָמפּאָט און עסט געשמאַק, סמאָטשקעט, קנאַקט־אויף די קערלעך און נעמט אַרויס די יאָדרעס, פֿאַרטון, ווי אַ הונט בײַ אַ פּעטן ביין.

— נאָר די אַכילה, — טראַכט זי זיך און דרייט זיך אויס, אים נישט אָנצוקוקן.

דערהערנדיק איר באַוועגונג, שלינגט ער שנעל אַראָפּ, וואָס ער האָט אין מויל און רופֿט:

— לאהקע? לאהלע! דערלאַנגען עפּעס אין בעט אַריין?

און ווען ער קריגט נישט קיין ענטפער, גייט ער צו צום בעט, לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר נאַקעטן, ווייסן אָרעם און פרעגט:

— וואָס ענטפערסטו נישט? ביסט דאָך אויף?!

זי באַפרייט זיך פון זיין באַריר מיט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט פון זיך אָפּגעיאָגט אַ פליג.

— כ'וויל גאָרנישט, עס אַליין! — זאָגט זי.

די זון פאַרגיסט דאָס צימער מיט אַ וואַרעמער ליכטיקייט, דאָס קינד טאַנצט אַרום אין אַלע ווינקלען.

ער זיצט שוין ביים טיש אַן אָנגעטועגער און טרינקט טיי, די דינסט וויל דאָס קינד אָנטון, עס לאָזט זיך נישט.

דער מאַן צעבייזערט זיך, זיינע רונדיקע אויגן ווערן אָנגעלאָפן און אויפן שטערן בלאָזן זיך אָן בלאָע אָדערן, ווי רימענדלעך.

דאָס קינד נעמט טופען מיט די פיס און וויינען. עס קריגט אַ רויטן קאָפּ, ווי אַ ציבעלע און זעקעלעך אונטער די אויגן.

די מוטער נעמט אַרום אַ פּחד, זעענדיק, ווי שטאַרק ענלעך דאָס קינד איז צום מאַן.

זי באַטראַכט זיין הולך. דער קראַגן מיטן קראַוואַט צעדרייט, די מאַרינאַרקע צעקנייטשט, און דער קאַפּעלוש אויפן שפּיץ קאָפּ.

— טו דיך אָן, לאהלע — בעט ער זי — מיר וועלן אַביסל אַראָפּגיין.

זי ציט מיט די אַקסלען און קוקט פאַרחלומט אין פענצטער אַריין. דערנאָך קוקט זי אים גוט אָן און טראַכט זיך, ווי אַזוי

זעען מענטשן נישט אַרויס זיין נאַרישן פּרצוף? דערווייל פאַר־געסט זי, וואָס ער האָט צו איר געזאָגט.

— וואָס זאָגסטו? — פרעגט זי פאַרטראַכט.

— זאָלסט דיך אָנטון, מיר וועלן אַביסל אַראָפּגיין.

— גיי שוין בעסער אַליין, כ׳וויל מיך אויסרוען.

זיי האָבן באַשלאָסן, ער זאָל ברענגען בילעטן און זיי וועלן היינט גיין אין טעאַטער.

אָוונטצייט, שטייענדיק אין דער גאַרדעראָבע אַרומגענומען פון יונגע מענטשן אין יום־טובדיקע קליידער, האָט זי ווידער אין דמיון געזען איר מאַן, נישט־קוקנדיק אויף אים.

זיין רוקן, אַ הויכער, אַ רונדיקער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, דעם קאָפּ פאָרויס און אַ דיק בייכל מיט איינגעבוי־גענע קניען. — אַ לעבעדיקער פראַגע־צייכן — זאָגט זי זיך.

זי שטייט פאַרן שפיגל, קעמט זיך די בלאָנדע לאָקן, ווי גלעקעלעך.

אירע באַקן פלאַמען פורפור־רויט, און דאָס געפּודערטע, קורצע נעזל איז ווייס, כמעט דורכזיכטיק און די בלוי־גרויע אויגן גלאַנצן ווי צווי שפּיגעלעך.

— וואָס באַלעמוטשעסטו אַזוי לאַנג? — פרעגט דער מאַן דענערווירט.

— האָסט קיין צייט נישט? — זיפּצט זי אַדורך, דורך די ציין.

און וויגנדיק זיך אויף די לענדן, גייט זי אין דער ריכ־טונג צום פּאַרטער־זאַל, ער גייט הינטער איר, ווי אַ הינטל.

שוין זיצנדיק אויף די פּלעצער, פרעגט ער איר:

— פאַרוואָס ווילסטו זיך תמיד מיט מיר קריגן?

זי ענטפערט נישט.

— כ׳וועל מיר אַ נדר טון נישט צו גיין מיט דיר אינערגעץ. — בײזוערט ער זיך.

— ס׳וואָלט גאַנץ גלײך געווען — זאָגט זי מיט אַ שמייכל, ער ווייסט נישט, צי זי מיינט דאָס ערנסט אָדער אין געלעכטער.

אין דער פויזע-צייט קומט צו זיין ברודער, אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט לייכטע באַוועגונגען.

— מיט וועמען ביסטו דאָ? — פרעגט זי אים אַ דער־פרייטע.

— מיט אַ באַקאַנטע פריילין, — זאָגט ער און זיינע שוואַרצע אויגן קוקן אויף איר מיט אַ דרייסטן, קלוגן שמייכל — ווילסט זי באַקענען? — פרעגט ער — כ׳וועל זי אַהעררופן.

— ניין, כ׳וועל בעסער אַביסל אַריבערגיין צו אייך. איך וויל מיך סיי־ווי איבערשפּאַצירן

זי דערלאַנגט דעם שוואָגער דעם אָרעם און גייט מיט אים, ווי דער מאַן וואָלט גאָרנישט דאָ געווען.

מיט אים גייט זיך איר לייכטער און אָנגענעמער. זיי גייען טאַנצנדיק, — גראָד האָב איך געמוזט קריגן דעם עלטערן, — טראַכט זי זיך.

שפּעטער, ווען זיי זענען שוין געווען אינדערהיים, פרעגט איר דער מאַן:

— ווען מיין ברודער האָט דיך געוואָלט באַקענען מיט זיין מיידל, האָט דיר שוין נישט געפּאַסט מיך מיטצורופן?

— כ׳האָב געמיינט, אַז דו גייסט מיט אונז.

— כ׳זע דאָך, אַז דו זאָגסט נאָר אַזוי.

— פאַרוואָס זעסטו אַזוי?

— ווייל דו זאָגסט עס נישט אויפריכטיק.

— ווערסט דאָך מיך נישט חושד זיין מיט דיין ברודער?...— זאָגט זי אין אַ מילדער אויפרעגונג.

— אָבער מיך פאַרשעמסטו תמיד אין זיין קעגנוואָרט.

— פאַרוואָס פילסטו זיך נישט זיכערער פאַר אים?

— ווייל איך קען נישט קיין שיינע ריידעלעך.

— קענסט קיין מיאוסע אויך נישט.

— אין דיינע אויגן בין איך נאַריש און מיאוס — ווייל ער זאָגן אין געלעכטער, אָבער דער שמייכל ווערט ביי אים קאַליע.

ער נעמט זי אַרום אומגעשיקט, נאָר זי דאַרף גראָד עפּעס נעמען פון טיש און באַפרייט זיך פון אים.

*   *
*

צומאָרגנס איז זי געזעסן אין אַ ווינקל פון גרויסן הוט-געשעפט, ביי אַ קליין טישל, צווישן אַ גרופּקע יונגע מיידלעך, ווי אַ קוואָקע מיט הינדעלעך.

די מיידלעך האָבן צווישן זיך שטיל געגוודערט און גע-לאַכט, זי האַלט אַ הוט אויף דער קני און קאָמבינירט פאַר-שידענע באַפּוצונגען.

שטעכנדיק מיט דער נאָדל, פאַרנייט זי צוזאַמען מיטן גראַלין אויך אירע געדאַנקען.

דער מאַן פאָרעט זיך ביי די פּודלעס, נעמט אַרויס, קוקט נאָך, סאָרטירט, באַטאַפּט, ווי אַ בעקער די ברייטלעך.

— זע נאָר דעם קראַפּ — קומט ער אָן צו לויפן מיט אַ הוט אָנגעטון אויף דער פויסט — ווער וועט דאָס קויפן?

אַן איראָניש שמייכעלע ציט זיך איבער אויף איר פּנים און זי זאָגט:

— קענסט בעסער מאַכן ?

ער ווערט צעטומלט, ווי אַ שילער, וואָס קען נישט די לעקציע.

— וועסט אפשר זאָגן, אַז ס׳איז גוט געמאַכט ? — בלאָזט ער זיך אָן, אַז די ליפּן ווערן ביי אים נאַס.

— ס׳איז נישט גוט — זאָגט זי קאַלט — נאָר כ׳זאָג, זאָלסט מאַכן בעסער.

זאָגנדיק דאָס, באַטראַכט זי זיינע גרויסע ציין, ווי שפּאַ־דעס, וועלכע די ליפּן קענען נישט פאַרדעקן, און ווי ער שפּריצט בשעת דעם רעדן, אַז די לאַצן ווערן ביי אים גלאַנציק.

זי נעמט אַוועק דעם בליק, ווייל זי פילט, ווי זי ווערט באַהערשט פון אַ פיזישן עקל.

— גיי אַהין, גיי, מאַך אינאָרדנונג די סחורה. — זאָגט זי, נישט קוקנדיק אויף אים.

— לאהקע ! ! — גיט ער אַ געשריי אין זיך אַריין, מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי אַ קאַלב — וואָס ווילסטו פון מיר ? וואָס פּייניקסטו מיך אויף יעדן שריט און טריט ?

זי פילט, אַז זי האָט אים באַליידיקט, און צעשמייכלט זיך קינסטלעך, פאַרענטפערנדיק זיך :

— וואָס האָב איך דען געזאָגט ? כ׳האָב דיך געהייסן אינ־אָרדנונג ברענגען די סחורה.

און זי באַמיט זיך צו לאַכן פריי.

ער עפנט ס׳מויל, וויל נאָך עפּעס רעדן, נאָר זי גיט צו אים אַ ווינק, אַז די מיידלעך הערן און ער רוקט זיך אָפּ מיט שמאָלע טריטעלעך, וואַרפנדיק מיט די הענט, אונטערשפּרינגענ־דיק, ווי אַ ציג.

ער קריכט אַרויף אויף אַ לייטער, אַרבעט אַרום ביי די רעשטלעך, שטויבט אָפּ, וויקלט איבער.

— וואָלט ער כאָטש געגאַנגען צו אַן אַרבעט, כ׳זאָל אים נישט האָבן אַ גאַנצן טאָג פאַר די אויגן, — טראַכט זי זיך.

פלוצים דערהערט זי אַ שטאַרקן קלאַפּ, ווי מיט פעסטע פויסטן אויף אַ פולפיט.

דער לייטער ליגט אויפן טיש און דער מאַן האלט זיך דעם קאָפּ, און דאָס בלוט לויפט אים איבער די הענט.

דערזעענדיק דאָס, איז איר דאָס האַרץ שטיין געבליבן פאַר שרעק.

ער האָט זיך געקענט דערהרגענען, איז געוועזן איר ערשטער געדאַנק.

— נעם וואַסער, — שרייט זי צו אים, און זי פיילט, ווי זי ווערט באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס.

— ווי אַ פאַל קען טרעפן — קומען איר ווייטער געדאַנקען און זי כאַפּט אַ האַנטוך

אויטאָמאַטיש וויקלט זי אים אַרום אַ נאַס האַנטוך און קלערט דערוויל, צי וואָלט איך אים באַדויערט, ווען... וואָס טראַכט איך עפּעס פון דעם!

— ווי אַזוי ביסטו אַראָפּגעפאַלן ? — פרעגט זי ציטערנדיק, זי קען זיך נישט דערקלערן, צי זי ציטערט פאַר שרעק, צי פאַר ,אירע בייזע מחשבות.

זי באַמיט זיך אים אויסצופרעגן רויק, וויאַזוי ס׳איז פאַרגעקומען, פאַרוואָס ער איז נישט געווען פאָרזיכטיק.

קוקנדיק אויף אים, ווי ער זעט אויס מיט דעם אַרומגעבונדענעם קאָפּ, ווילט זיך איר זאָגן: אַן אַראַבער מיט אַ טורבאַן.

און זי זעט, אַז זי האָט גאָר קיין מיטגעפיל נישט מיט אים.

— צי בין איך פאַקטיש אַזוי עגאָיִסטיש ! אַזוי שלעכט ?

קלערט זי, — ס'קען נישט זיין, זי באַשליסט ביי זיך צו זיין צוגעבונדן צו אים.

די געדאַנקען לויפן ביי איר, איין געדאַנק פאַרשלינגט דעם אַנדערן, ווי די פאַליעס אין שטורמישן ים.

פאַרוואָס האָב איך מיך אומגעקערט צו אים, ווען ער האָט מיך אין יענער צייט געבעטן... אָבער ער איז דאָך אַ גוטער... ברר... זיינע נאַרישעוואַטע רייד... ווי אַמאָל אַ פאַל... פאַלנדיק פון אַ לייטער, קען דאָך דאָס גרעסטע אומגליק פאַסירן... אפשר לויפן נאָך אַ דאָקטאָר?... ניין, כ'וועל מיך פאַרלאָזן אויף אַ נס...

אינאָוונט, ווען ער איז געלעגן אין בעט, זענען געזעסן באַקאַנטע נעבן אים און געשמועסט.

פאַרוואָס האָלט ער זיך מיט אַנדערע קליגער, ווי מיט מיר — וווּנדערט זי זיך.

ווילנדיק אים אַביסל באַדינען, האָט זי אים אַליין געמאַכט אַ קאָמפרעס, זיך געזעצט צום בעט, זידלענדיק זיך אין געדאַנק פאַר איר שלעכטקייט.

ער פילט זיך געצערטלט פון איר און נעמט איר האַנט, גלעט זי, שפילט זיך מיט אירע פינגער.

זי פילט, ווי איר האַנט וואָלט געווען איינגעפרעסט אין טויט פלייש. אָבער מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג זיצט זי ווייטער.

אין איר קאָפּ מישן זיך אַלץ די מחשבות: ער האָט זיך דאָך געקענט דערהרגענען, ווי וואָלט איך מיך געפילט? ניין, כ'ווינטש אים נישט דעם טויט, פאַר קיין פאַל נישט.

אָבער ער האָט זיך דאָך געקענט דערהרגענען!...

שאנד

ווי תמיד, איז ער אויך היינט אָנגעקומען צום טויער אַרום עלף אַ זייגער, נאָר עפּעס לאָזט אים דאָסמאָל דער וועכטער אַזוי לאַנג וואַרטן מיטן עפענען.

ער קלינגט איינמאָל און נאָכאַמאָל.

— איך קלינג שוין מער, ווי אַ האַלבע שעה — דערהערט ער אַ פרויען־שטימע, ווי זי וואָלט פון דער ערד אַרויסגעקומען.

ווי ער דרייט זיך אויס, דערזעט ער פאַר זיך אַ קליין מענטשעלע.

דער אויבערקערפער, ווי ביי אַ דערוואַקסענער פרוי, מיט אַ שיינעם קאָפּ האָר, גרויסע בלויע אויגן, דאָס פנים געפּודערט, נאָר אירע פיסעלעך זענען קליין, ווי ביי אַ דריי־יעריק קינד, קרומע, ווי צוויי האַלבע לבנות.

אינגאַנצן איז זי גרויס, ווי אַן עמער.

ער באַוואונדערט איר קלוגן אויסדרוק און קען זיך נישט באַהערשן, נישט צו רעדן עפּעס צו איר.

— איר וווינט דאָ אין דעם הויז? — פרעגט ער זי.

— אין זעלבן איינגאַנג, וואָס איר — ענטפערט זי דרייסט און שנירלט די ליפּעלעך.

— בונוואַנען ווייסט איר? — וווּנדערט ער זיך.

— ווייל איך זע אייך אַלע טאָג — דרייט זי מיטן קאָפּ און ווייזט אַרויס אַ מויל ווייסע ציין.

אין דער שטילקייט הילכן אָפּ טריט, וועלכע קומען אַלץ נענטער. ער דרייט זיך פון איר אַוועק.

זי דערפילט, אַז ער שעמט זיך מיט איר און ציט זיך צוריק. אירע אויגן ציען זיך איבער מיט אַ וואַסערדיקן גלאַנץ, ווי ביי אַ הינטל, ווען מען טרייבט עס פון זיך.

אין טויער דערהערן זיך לאַנגזאַמע, שווערע, שטאָלפּער־דיקע טריט; דער שליסל סקריפּעט, די טיר גענעצט זיך אויף און שלינגט אים איין.

נאָך דעם האָט ער די קליינע נאָך אייניקע מאָל געזען, אָבער האָט אויף איר נישט געלייגט קיין אַכט; ער האָט אויף איר געקוקט גלייכגילטיק, ווי אויף אַ טויטע זאַך, ווי אויף אַ שאַנק אָדער אַ טיש.

אין אַ געוויסן אָוונט, אַרויפגייענדיק אויף די שטיגן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט מוזיק; דאָס שפּילן האָט זיך געהערט געדעמפּט, ווי פון אַ פּאַס אַרויס.

קומענדיק נענטער צום פענצטער פון ערשטן שטאָק, דערהערט ער אַ לייכטן שאָרך. אין ערשטן מאָמענט האָט ער זיך דערשראָקן, און ער פרעגט אינסטינקטיוו:

— ווער איז?

— איך! — ענטפערט אים אַ מיידל־שטים, וועלכע איז אים פאַרגעקומען באַקאַנט.

צוקומענדיק נענטער, דערקענט ער דאָס ליליפוטל.

— וואָס זיצט איר דאָ אַזוי שפּעט? — פרעגט ער פאַר־וווּנדערט.

— קעגנאיבער איז אַ חתונה, וויל איך זיך אַביסל צו־קוקן — זאָגט זי מיט אַ געקינצלטער מונטערקייט.

ער הערט פּראַקטיש דאָס כאַאָטישע רוטשן מיט אַ גרויסע צאָל פיס און אַ געפּילדער, ווי אין אַ האַלע.

שווער הערן זיך אַרויס די טאַקטן פון דער מוזיק, ווייל דאָס ריטמישע מאַרשירן שלינגט איין די טענער.

אויף דער קעגנאַיבערדיקער וואַנט שפּיגלען זיך אָפּ משונהדיק-גרויסע טאַנצנדיקע פיגורן.

ער בויגט זיך אַרויס פון פענצטער צו זען, ווו דאָס קומט פאָר, נאָר ער זעט גאָרנישט.

— ווו איז עס? — פרעגט ער.

— דאָ, אָט-אָ-דאָ! — ווייזט זי אים אינדערזעלבער זייט, ווו זי זיצט.

— ווו?

— דאָ!

ער בּיקט זיך ווייטער אַרויס און זעט אַלץ נאָך גאָרנישט.

„אפשר זאָגט זי נאָר אַזוי, אַלס אויסרייד, מיך צו פאַר-האַלטן?" — טראַכט ער זיך.

ס'גלויבט זיך אים נישט, אַז זי זאָל יאָ עפּעס קענען זען.

ער בּיקט זיך שטאַרק אַריבער איבער איר, דריקט זי צו מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין קערפּער, דערפילט איר וואַרעמקייט און דעם הויך פון איר אָטעם.

ער פילט, ווי איר האַרץ קלאַפּט.

— ווו זעט מען? — פרעגט ער תמעוואַטע.

— אוי, איר דערדריקט דאָך מיך! — קרעכצט זי אויס, ווי פון שלאָף.

זי נעמט אַרויס פון בוזעם אַ ווייס טיכעלע, פאָכעט זיך דערמיט און ס'פאַרשפּרייט זיך אַ פאַרפומען-דופט.

ער גלויבט שוין אויף זיכער, אַז זי האָט אים דאָ אָפּגע-וואַרט, נאָר ער ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו האַלטן מיט איר.

„צי קען אזא קאַליקע אויף פילן ליידנשאַפטן?" — קומט אים אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, און ער ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווי אַזוי ער זאָל זיך צו איר באַציען.

די געל־גרויע שמאַטע־פלעקן, וועלכע זענען געשוואומען אויף דעם לאַזור־בלויען הימל, זענען פאַרשוואונדן און די בלאַסע לבנה, אַ רונדיקע, אַ דורכזיכטיקע, ווי אַ זייפנבלאָז, שיינט אַפּער פון אונטער די דעכער.

— איר האָט שוין געהאַט עפּעס אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ מאַן? — פרעגט ער זי איידל, ווי אַ ברודער, בלויז אויס נייגיריקייט.

זי זינקט דעם קאָפּ; ער נעמט דאָס אָן פאַר „יאָ".

ווי מען לייגט אַריין די האַנט אין אַ פּאַפּירענעם בייטל אַרויסצונעמען אַ פרוכט, אַזוי האָט ער אַריינגעלייגט זיין האַנט אונטער איר דינע בלוזע און געגלעט איר גלאַטן סאַמעטענעם קערפּער.

זי פאַרמאַכט די אויגן, לענט אָן דעם קאָפּ אויף דער פענצטער־רעם, אונטער דער העלער לבנה־שיין האָבן אירע בלאָנדע האָר געלויכטן ווי גאָלד; די געדיכטע וויעס האָבן אַרומגערעמט אירע אויגן; די רויטע ליפּן האָבן אויסגעזען פריש, זאַפטיק, ווי אַן אויפגעשניטענע פּאָמעראַנץ.

ליפּן האָבן געפונען ליפּן.

אירע פיסלעך זענען געוואָרן רייפן, וועלכע האָבן אים אַרומגענומען; אירע הענטלעך — צוואַנגען, וועלכע האָבן אים צוגעדריקט.

— וועסט מיט אַרויפגיין צו מיר? — פרעגט ער זי, אין אויער אַריין.

— יאָ! — שטאַמלט זי אַרויס.

די לבנה ווערט בלאַסער און בלאַסער, ביז זי איז איינ־

גאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן, דער הימל ווערט פּאַרדעקט מיט טונקעלע כמאַרעס. די פינצטערקייט פאַרקריכט אין אַלע ווינקלען, ביז די צוויי לעבעדיקע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער שטיינערדיקער מאַסע פון די הייזער.

די מוזיק איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן, דאָס געפּילדער שוואַכער, די טאַנצנדיקע שאָטנס אויף דער וואַנט זענען פאַרשווונדן.

ווי פון אַ נעפּל האָבן אַרויסגעשיינט די שפּיצן פון די דעכער. אויף די פענצטער-שויבן האָט אָפּגעגלאַנצט אַ זילבער-גרינער שיין.

פון מזרח-זייט האָט זיך דער הימל שוין געררויטלט.

איינצלנע פאַרלעך האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שמחה און זיך געוואַקלט איבערן הויף מידע, ווי געגנז.

ס׳איז שוין העל-ליכטיק, פון הויף הערט זיך דאָס ווינשעווען.

פלוצים האָבן זיי דערהערט טריט אויף די שטיגן.

ווי פייגל נאָך אַ שאָס פון אַ ביקס, זענען זיי אויפגעשפרונגען דערשראָקענע און זיך צעלאָפן.

זי האָט אָנגעהויבן גיין אַראָפּ אויף איינצלנע שטיגעלעך, ווי אַ הינדל, וואָס גייט פון דער לייטער.

היפּ, היפּ, היפּ, — שטעלט זי איין פיסל און דערנאָך דאָס צווייטע, ווי אַ קינד.

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי פרי? — פרעגט איר אַ שכנה.

— מיר האָבן וועש אויפן בוידעם, בין איך געגאַנגען נאָכזען, צי גנבים האָבן זיך נישט אַמאָל מרחם געווען אויף איר — ענטפערט די קליינע מיט אַ געקינצלטער הייטערקייט.

ער זיצט ביי זיך אויפן בעטל, אינגאַנצן צעטומלט, ער ווייסט נישט ווי אַזוי ער איז אַרויפגעקומען.

די פיס האָבן אים אַרויפגעטראָגן און די הענט האָבן אויפגעשלאָסן די טיר.

— אַזאַ שאַנד — זאָגט ער צו זיך אַליין, און קען זיך אַלץ נישט באַרויִקן — מיט אַזאַ ליליפוטל האָט מען מיך געברויכט צו זען!

ער ציטערט אינגאַנצן ביי דעם געדאַנק. זיינע ליפן מורמלען אָן אויפהער:

— אַזאַ שאַנד, אַזאַ שאַנד!

פריילין ליזע

— מאַרטאַ! מאַרטאַ! — שוין צייט אויפצושטיין, — שרייט אַריין ליזע פון דער לעצטער שטוב צו דער יונגערער שוועסטער, וואָס לערנט נאָך אין שול.

די קלענערע שלאָפט געשמאַק, אַביסל אָפגעדעקט, פאַרשייט.

— שטיי אויף, מאַרטאַ! — העלפט אונטער דער פאָטער, שטייענדיק איינגעהילט אין אַ טלית, פון וועלכן מען זעט נאָר אַרויס דאָס בלויזע פנים, מיט דער גרויסער שוואַרצער באָרד.

די געוועקטע ציט-צוזאַמען דאָס פנים, ווי צום ניסן, קריכט אַריין מיט אירע דינע פינגערלעך צווישן די האָר און שאַרט, ווי מיט אַ גראַבליע און שרייט אַריין פאַרשלאָפן צו דער שוועסטער אין צווייטן צימער:

— האָסט מיר געמאַכט נעכטן די לעקציעס?

— יאָ!

— פון אַריטמעטיק אויך?

— שריי נישט אַזוי, שטערסט דאָך מיר דאָס דאַוונען — בייזערט זיך דער פאָטער.

דאָס מיידל קריכט אַרויס פון בעט, שווער אָטעמענדיק, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ געשלאָפן; זוכט אַרום צווישן אָנטועכץ, רוקט די שטולן, שטעקט אַרונטער דעם קאָפּ הינטערן בעט,

שלעפט אַלץ אָפּער, לויפט אַריין אין קיך, קומט צוריק צו לויפן, שטויסט אַוועק דעם פּאָטער פון דער מזרח-זייט.

— נו, נו — ברומט דער פאָטער, נישט-וועלנדיק אויס-רעדן.

זי קוקט אויפן זייגער, דערזעט, אַז ס׳איז שוין האַלב. אַכט, הויבט זי אָן רעדן וויינענדיק:

— ווו איז נאָך אַ שוך? כ׳וועל נאָך פאַרשפּעטיקן...

ליזע קומט אַריין אין אַ קורץ קליידל, אַ פּאָר שטעק-שיך אָן זאָקן, דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ זיידן געוואַנט, פון דאָ און דאָרט זעען זיך אַרויס די צעשויבערטע האָר.

שטילצרהייט נעמט זי אָפּער פון אַ ווינקל דער שוועסטערלס אָנטועכץ און דערלאַנגט איר.

— קיינמאָל געפינט זי נישט — זאָגט זי מיט אַ באַ-הערשטער אויפרעגונג.

זי כאַפּט אַ נאָדל, נייט אָן אַ קנעפּל צום שוואַרצן פאַר-טוכל, וואַרפט עס דער שוועסטער און לויפט אין דער קיך צוגרייטן פרישטיק.

ווען דער פּאָטער מיט דער שוועסטער זענען שוין אַוועק און ליזע איז געבליבן אַליין, האָט זי גענומען רוימען, טוענדיק דאָס פויל און אומגערן.

די פליכטן פון דער הויזווירטשאַפט, וואָס דאָס לעבן האָט איר אויפגעצוווּנגען, זענען איר דערעסן.

דערנאָך זיצט זי אויף דער קושעטקע אין אַ פאַרחלומטער מידקייט און לאָזט לויפן אירע געדאַנקען.

אין די גרויסע זומער-טעג, ווען זי זיצט אַליין מיט איר מיידלשער בענקשאַפט, נישט-האָבנדיק זיך מיט וועמען צו טיילן מיט אַ וואָרט, ווערט איר די גאַנצע אַרומיקייט נמאס.

לאַנגזאַם און שווער גייט דער טאָג פאַרביי און דער אָוונט ברענגט איר אויך גאָרנישט.

היינט וועט זי זיך טרעפן מיט אַ באַקאַנטן חבר, אָבער פון דעם וואָס גאָרנישט זיין; זי קען זיך נישט דערקלערן, פאַרוואָס זי ליידט אים נישט, אַלס פריינט — יאָ, אָבער ער מאַכט פאָרשלאָגן. ווי קען מען עפּעס זאָגן: געפעלסט מיר נישט, ווען אַלס „מענטש" — געפעלט ער יאָ!!

ביי אַ באַקאַנטן מאָלער פאַרזאַמלט זיך יעדן אָוונט אַ קליינע גרופּע חברים און חברטעס.

אויף דער אַלטער, צעבראָכענער קאַנאַפּע זיצן יעצט צוויי פּאָרלעך און שמועסן צווישן זיך אינטים, קעגנאיבער זיצט ליזע און באַטראַכט דורכגדרינגענד די אָנוועזנדיקע מענער, זי הערט זיך אויפמערקזאַם צו, ווי איינער דערציילט; ס'וויל זיך איר לאַכן פון זיין אַרט רעדן, פון זיין אומבאַהאָלפנקייט.

„איך מוז זיין אַ מענטשנפיינט — טראַכט זי זיך — אין יעדן מענטש מוז איך געפינען עפּעס אַ חסרון".

איינער, וואָס האָט באַמערקט איר שפּאָטישן אויסדרוק, קוקט איר אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט וועלן לעזן, וואָס אין איר נשמה טוט זיך. דאָס געפעלט איר און זי שענקט אים אַ שמייכל.

ס'וויל זיך איר פאַרברענגען אינטים, חבריש זיך פאַרגעסן, אָבער איידער ער רעדט נאָך אויס אַ וואָרט, וויל ער זי אַרומנעמען.

זיינע בליקן גלעטן איר ווייכן הויכן בוזעם, זי קען דאָס נישט פאַרטראָגן און דרייט זיך אַוועק.

— קום אַהער, ליזע, מיר וועלן זיך זעצן דאָ אין דער זייט — ווייזט ער איר אָן אין אַ ווינקל ביים פענצטער, די בענקשאַפט נאָך אַביסל צערטלעכקייט, פירט זי אַהין נאָכן רוף.

— ס׳האָט מיר נאָך קיין איינציק מיידל נישט אַזוי שטאַרק געפאָלן, ווי איר — זאָגט ער און שפּרייט אויס די אָרעמס אין אַ האַלבן בייגל זי איינצוקלאַמערן.

— שוין, כ׳געפעל אייך שוין? — זאָגט זי קאָקעט — איר מוזט דאָך מיך אויך פרעגן, צי איר געפעלט מיר. אַז איר ווילט אַביסל לאַסקעס, מיינט איר, אַז איר מוזט שוין רעדן וועגן געפעלן? — רעדט זי ערנסט — יעצט מוז איך מיך שוין פון אייך דערווייטערן, ווייל כ׳וויל נישט, אַז איר זאָלט לעבן אין אַ טעות.

— איר מיינט דאָס ערנסט?

— ווי איר ווילט, קענט איר עס פאַרשטיין.

און זי גייט פון אים אַוועק, אינערלעך אַ צעפלאַמטע און אויסערלעך אַ באַהערשטע, אַ קאַלטע.

זי זעצט זיך צו, צו אַ חברטע, נעמט זי אַרום און פאַרמרוזשעט אירע העל-בלויע אויגן, עפנט אויף דאָס קליינע מויל און ווייזט אַרויס אירע ווייסע ציינדלעך.

די עטוואָס דיקע ליפּעלעך זענען ביי איר פייכט רויט, ווי נאָך אַ פרישן טרונק.

איינער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, גלאַטיק פאַרקעמט מיט אַ שרינט אינמיטן, אָפּגעגלאַנצט, ווי באַשמירט מיט ליאַק, דערציילט אַנעקדאָטן, צווייטייטיקע, גראָבע, אָבער אַלע הערן אים גערן.

ליזען אינטערעסירט נישט, וואָס ער רעדט, איר אינטערעסירט זיין אויסזען. זיינע ברייטע אַקסלען, זויבערע קליידונג.

זי איז בייז אויף אים, וואָס ער איז אַזאַ שיינער יינג.

— וואָס לייענט איר היינט? — פרעגט איר פּלוצים איינער, אַ נידעריקער מיט אַ דרייקאַנטיק פּנים, ווי אַ קעזל, דער שטערן געקנייטשט און אַביסל באַשיט מיט קראָסטקעס.

זי דרייט אויס דעם קאָפּ צו אים, קוקט אים טיף אין די אויגן אַריין; זי וויל אין אים זען עפּעס ענלעכס צום שווארצן, אָבער נישטאָ דער שיינער זשעסט, דאָס דרייסטע וואָרט.

— איך לייען „דע פּראָפונדיס" פון פּושיבישעווסקין — ענטפערט זי שטיל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אימיצן אויפצוועקן.

— ס'געפעלט אייך?

— שטאַרק!

— ס'איז אייך פאַרשטענדלעך די ליבע צווישן ברודער און שוועסטער?

— דורכאויס, איך קען אין אַ ברודער אויך זיין פאַרליבט.

— איר זענט פעיק זיך צו פאַרליבן? — פרעגט ער, ציענדיק די ווערטער לאַנגזאַם.

— יאָ! — זאָגט זי אויפריכטיק.

— און?...

— וואָס? — פרעגט זי מיט אַ מינע פון אַ קינד, וועלכעס פאַרשטייט נישט דעם הינטערגעדאַנק פון אַ פראַגע.

ער קוקט זי לאַנג אָן, וויל עפּעס אַרויסלעזן פון איר בליק, אָבער ער קען זיך גאָרנישט משער זיין. אירע אויגן קוקן קינדיש־פריינטלעך מיט אַן איבערגעגעבענעם בליק, אָבער ווען ער פרעגט זי עפּעס דייטלעכעס, מיידט זי בכיון אויס צו ענטפערן.

— אַ ספינקס — זאָגט ער צווישן די ציין.

— איך בין גאַנץ אויפריכטיק.

ווען איך וואָלט געווען אייער ברודער, וואָלט איר מיך ליב געהאַט?

— אפשר יאָ!

און אַלס פרעמדן קענט איר מיך נישט ליב באַקומען?

— ווי אַ ברודער:

ער וויל איר געבן אַ לייכט פּעטשעלע, זי רוקט זיך אָפּ, ער וויל זי כאַפּן, דער שוואַרצער נעמט זי אַרום. וויל זי מכלומרשט באַשיצן.

זי שטעלט אָן, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן און ציט זיך אַביסעלע פעסטער אין זיינע אָרעמס.

גערן וואָלט זי אים אַ קוש געגעבן, אָבער זי באַהערשט זיך, זי שמייכלט אים נאָר צו מיט אירע גלאַנציקע אויגן, וועלכע זעען אויס, ווי צוויי פרישע, גרויסע אַגרעס.

זי רייסט זיך אַרויס פון אים, ווייל זי פילט, ווי זי ווערט שוואַך און נאָכגיביק פון זיין באַריר, און אין געדאַנק וויל זי זיך דערקלערן, פאַרוואָס זי זוכט אַזוי זיין נאָענטקייט, נאָר זי קען זיך דאָס נישט פאַרענטפערן.

„כ'האָב ליב זיין שטים" — טראַכט זי זיך —„אָבער ער איז דאָך אַ פּראָסטער מענטש" — ענטפערט זי זיך באַלד.

ווען זי קומט אַהיים, זיצט נאָך די יינגערע שוועסטער און מאַכט די לעקציע. ליזע נעמט זיך גלייך איר העלפן

— ווייסט, ווען דער לערער פון מאַטעמאַטיק איז היינט אַריינגעקומען צו אונז אין קלאַס, האָט ער געפונען אויף זיין פּולפּיט אַ קאַריקאַטור פון אים אַליין, מיט שרעקלעכע אויסגע-צויגענע אויערן — דערציילט די קליינע נאָך אַ לענגערער ווייל.

אויף ליזעס פּנים האָט זיך אויסגעדריקט שטוינען און מיטגעפיל.

— פאַרוואָס האָבן זיי אים דאָס געטון?

— ווייל קיין איינציק מיידל האָט אים נישט ליב.

— און אַז מ'קען אַ מענטש נישט ליבן, הייסט נאָך נישט, אַז מ'מעג אים פאַרשעמען — מוסרט ליזע אויס דער יינגערער — מ'טרעפט ווייניק מענטשן, פּאָלקאָמע, דעריבער איז בעסער נישט

צו זען דאָס מיאוסע, נאָר דאָס שיינע — רעדט זי פאַרטראַכט, ווי פאַר זיך אַליין.

ס'שטעלט זיך איר פאָר, ווי אומגעשיקט איר חבר האָט זיך היינט געהאַלטן, ביים באַגלייטן זי אַהיים. — איך קען אים אַזוי נישט ליידן, ביז צום עקל — זאָגט זי זיך אין געדאַנק — און דאָך, ווייס איך, אַז ער איז אַן איידעלער מענטש.

זי העלפט לאַנג דער שוועסטער, הערט זיך צו, צו איר מונטער פלאַפלען, וואָס קלינגט אומשולדיק, ווי דאָס פּלעטשקען פון וואַסער, אָבער אירע געדאַנקען זענען פאַרנומען מיט פראַגן, וועלכע מען קען אַפילו פאַר אַ שוועסטער נישט אויסרעדן...

די קליינע דערציילט וויטער וועגן די „קרייזלעך", פאַר וועלכע זי ווידמעט די גאַנצע פרייע צייט, ליזע הערט דאָס אַלץ און ווערט פאַרכאַפּט פון דער לעבעדיקייט, ס'וויל זיך איר אויך אָנטייל־נעמען אין קאַמף פאַר אַן אידעע, נישט אַוועקגעבן די כוחות דער ווירטשאַפט.

צומאָרגנס, זיצנדיק מיטן פאָטער ביים טיש, פאַרגליסט זיך איר אים צו וואַרפן אין פּנים די גאַנצע שולד פאַר איר איינטאָניק לעבן; אין זיין גאַנץ ווען זעט זי איצט בלויז עגאָיזם. אין זיין בלעטערן אין די פּאַפּירן, אין זיין נישט פילן, אַז זי זיצט אויך ביים טיש.

ווען זי האָט באַמערקט, אַז ער גרייט זיך אַוועקצוגיין, פרעגט זי אים:

— אפשר וואָלט דער טאַטע אַביסל געזעסן אינדערהיים? כ'דאַרף אַראָפּגיין אין גאַס.

— ניין, כ'מוז אַוועקגיין — ענטפערט ער פאַרטוך.

— תמיד מוז דער טאַטע אַוועקגיין, און איך זיץ צו גאַנצע טעג אין שטוב אַליין. כ'זע דאָך קיין מענטש נישט

פאַר די אויגן — רעדט זי אַן אָנגעבלאָזענע, אַ רויטע, ווי אַ פּאָמידאָר.

— כ׳גיי נישט טאַנצן! — גיט דער פאָטער אַ געשריי, און וויל גיין.

ליזאַ פאַרלירט דעם גאַנצן דרך־ארץ און שרייט נאָך העכער:

— זעץ מיך בעסער אַריין אין אַ שטייג, כ׳זאָל מיך עלטערן אין פריידן מיט דיר צוזאַמען; ס׳זאָל מיך חלילה קיינער נישט אויסכאַפּן.

דערהערנדיק דעם לעצטן זאַץ, האָט דער פאָטער דערפילט, אַז ס׳רעדט צו אים אַ דערוואַקסענע טאָכטער, אַ פרוי, וועלכע ער מוז באַפרייען פון זיין אַפּוטרופּסות.

ער האָט זיך עפּעס ווי געשעמט פאַר דעם געדאַנק. נישט־ווילנדיק האָט זיין בליק זי אַרומגענומען און ער דערקענט אין איר אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו איר מוטער, וועלכע איז אין דער טאָכטערס יאָרן שוין געווען זיין ווייב.

— וואָס זאָל איך טון? — רעדט ער ווייכער — שוין דיין גורל אַזאַ; כ׳מוז דאָך דערליידיקן עפּעס אין גאַס, אַז נישט, וואָלט איך שוין אַצינד דאָ געזעסן.

דערהערנדיק זיין רויק רעדן, האָט ליזע ערשט דערפילט, אַז זי האָט רעכט, און טרערן זענען איר אָנגעקומען פון זיך אַליין.

זי איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך געוואָרפן אויפן בעט, וויינענדיק שטאַרק.

דער פאָטער איז שוין נישט געגאַנגען אין גאַס אַריין, זי הערט, ווי ער שפּאַנט אַרויף און אַראָפּ אין עסצימער, דאָס אַראָפּוויינען האָט זי באַרויקט.

„אפשר קען ער טאַקע עפּעס פאַרשפּעטיקן צוליב מיר?״ —

טראַכט זי זיך. זי ווישט זיך אָפּ די טרערן און גייט אַריין צו אים.

— פאַרוואָס גייסטו נישט? כ׳בין דאָך שוין געבליבן אינ-דערהיים — זאָגט זי, נישט-קוקנדיק אויף אים.

— האָסט גאָר קיין באַקאַנטע, וועלכע זאָלן אַרויפקומען צו דיר? — פרעגט ער, אַנשטאָט אַן ענטפער. זיין פּנים דריקט אויס געבראָכנקייט.

— כ׳האָב יאָ באַקאַנטע — ענטפערט זי דיפּלאָמאַטיש — אָבער מיידלעך קומען דאָך אויך נישט תמיד אַליין. און צווייטנס — כ׳קען דאָך האָבן באַקאַנטע ייִנגעלייט אויך, כ׳בין דאָך נישט מער קיין קינד.

— וואָס זאָל מען טון? אַז ס׳איז היינט אַזאַ צייט, וואָס ייִנגעלייט קומען צו מיידלעך אין שטוב אַריין; איז פאַרפאַלן, מוז מען מיטהאַלטן.

אַ פריידיקער שמייכל איבערציט איר פּנים.

— זאָל דער טאַטע שוין גיין — זאָגט זי אַ מונטערע — כ׳וועל דעם טאַטן פאָלגן — ענדיקט זי מיט אַ געלעכטער.

ווען דער פאָטער איז אַוועק, האָט זי אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די שטובן, רוימענדיק פריילעך מיט פרישן כּוח, ווי זי וואָלט עמעצן דערוואַרט.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן קלערן, וועמען צו פאַרבעטן און האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט נישט וועמען.

„צו וואָס זיך אויסגעקעמפט די רעכט, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וועמען זיך צו באַווייזן?"

אַ פאַרצווייפלטע זיצט זי בייז איבער זיך אַליין, וואָס זי זעט ביי יעדן אַזויפיל חסרונות.

זי פילט זיך איינזאַם, כמעט אָן קיין אינטימען מענטש, פאַר וועמען זי זאָל קענען אַנטפּלעקן איר אינערלעכע נשמה, זי פאַרבראַכט די הענט און זאָגט אַרויס פאַר זיך:

— שוין צייט, ס׳זאָל קומען עפּעס אַן איבערקערעניש, אַ שׂרפה אָדער אַן ערד־ציטערניש און דאָס גאַנצע וועלטל איבער־דרייען, מאַכנדיק פּלאַץ פאַר אַן אַנדערער וועלט, אַ פרייערע, אַ שענערע, אַ בעסערע.

ביים טויער

סאָניע זיצט בײַם טיש און האַלט אַן אָפן בוך אין דער האַנט און וואַרפט כסדר אַריבער בליקן צו איר ייִנגערער שוועסטער, וואָס זיצט אויף דער קושעטקע, די פיס אונטערגע-לייגט הינטער זיך, ווי אַ זשאַבע, און האַלט איר ווייסע, פּוכיקע האַנט אַרומגעלייגט אַרום דעם האַלז פון איר חבר.

בײַ סאָניען פאַרקרומט זיך דאָס מויל, זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר די צונג קלעפּט זיך איר צום גומען, דאָס שושקען זיך פון די צוויי ייִנגערע קראַצט איר דעם מוח, ווי דאָס בריאַזגען פון אַ גרעגער.

— ווען קומען צו אײַך אײַערע באַקאַנטע? — פרעגט דער בחור סאָניען.

בײַ איר ווערט דאָס פּנים באַגאָסן מיט אַ רויטן גלאַנץ, ווי אַ קאַרש, די צוויי קנייטשן בײַ דער נאָז ווערן בײַ איר טיפער, די אויגן-זעקעלעך פילן זיך אָן ווי צוויי באַבעס. זי ווייסט נישט צו ענטפערן. איר דאַכט זיך תמיד, אַז ער מאַכט פון איר חוזק.

— און וואָס מיינט איר, אַז ווען איך זאָל נאָר וועלן, קען איך נישט האָבן אַ פולע שטוב מיט באַקאַנטע? אָבער איך בין נישט אַזאַ נאַר, ווי אַנדערע — ענטפערט זי בייז.

ביי די לעצטע ווערטער מעסט זי אָפּ די שוועסטער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

— איך האָב אייך מיט עפּעס באַליידיקט? — פֿרעגט ער, זעענדיק, אַז סאָניע ענטפֿערט אים אָנגעשטרענגט.

— ווען איר קומט זיך נאָר צוזאַמען, מוזט איר זיך קריגן — מישט זיך אַריין דאָס ייִנגערע מיידל — מיר קענען מיט איר צוזאַמען נישט זיין אין איין שטוב.

און זי נעמט לויפֿן איבערן שטוב אַן אויפֿגערעגטע. זי וויגט זיך אויף אירע לענדן. דער דין־זיידענער שטאָף פֿון איר קלייד ליגט אויף איר גלאַט, ווי אַ פֿאַרביקער שוים, דער גלאַנץ פֿון געוועב מאַכט בולטער אירע ליניען.

זי בלייבט שטיין ביים שפּיגל, ווי אַ גרויסע קאַראַפֿקע.

די שטימונג איז אַ צעררייצטע, אומזיסט באַמיט זיך דער בחור זיי צו באַרויִקן.

נישט טוישנדיק זיך אַפֿילו מיט קיין בליק, פֿאַרלאָזט דאָס פּאָרל די שטוב.

ווען סאָניע בלייבט אַליין, זעצט זי זיך אויף דערזעלבער שטעל, וווּ די שוועסטער איז געזעסן, פֿאַרגלאָצנדיק די אויגן אין דער ווייטקייט.

ווי מיט שאַרפֿע מעסערס שניידן די ווייזערס די מינוטן, און די אַוועקגייענדיקע שעהן לייגן אָן טונקעלע שאָטנס אין די ווינקלען און זיי שאַרן זיך אַלץ נענטער און נענטער צום לעבעדיקן באַשעפֿעניש, וואָס זיצט פֿאַרגליווערט, ווי אַ שוואָם.

אַ לייכטער שאָרך ביי דער טיר האָט זי אויפֿגעוועקט.

שטיל, ווי אַ מייזל קומט אַריין איר מוטער, אַן אַלטע מיט אַ בלאַס צעקנייטשט פּנים, ווי אַ מאָנקעפּל.

— האָסט שוין נישט געקענט לענגער זיצן! — זענען סאָניעס ערשטע ווערטער צו דער מוטער.

— און אַז איך זיך צו גאַנצע טעג אַליין אינדערהיים? — ענטפערט די אַלטע אונטערטעניק.

— אַ מיצנטש, וואָס האָט שוין אייניקלעך, מעג שוין זיצן אין שטוב — בייזערט זיך סאָניע.

איילנדיק, פּודערט זי זיך שנעל, פאַרפּוצט מיט די פינגער, ווי אַ קעצל מיט דעם לאַפּקעלע, ברומט עפּעס אונטער דער נאָז, וואָס די מוטער פאַרשטייט נישט, און גייט אַוועק.

אָבער אַרויסקומענדיק אין גאַס, ווערט איר טריט פּאַמעלעכער, זי גייט אָן אַ ציל. ביי די באַקאַנטע איז שוין דערעסן, לאַנגווייליק.

דער פאַרביקער מענטשן־ים רייסט זי מיט און זי בלייבּ שטיין ביים ראָג.

פּונדערווייטנס באַווייזט זיך הערמאַן, אַ גלייכער פון אויבן ביז אַראָפּ, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, ווי אַן אויסגעשטאָפּטער שעניק, לאַנגזאַם שטעלט ער זיינע קרומע טריט, ווי אַ רוימישע פינף (V).

— וואוהין? — פרעגט הערמאַן, באַגריסנדיק זיך מיט איר.

זי שטעלט אָן דאָס מויל אין אַ שמייכל און מאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט אים אָקאָרשט דערזען.

— כ'ברויך עפּעס צו באַזאָרגן — ענטפערט זי.

און זי פרעגט אים מכלומרשט אַ גלייכגילטיקע, ווי ס'וואָלט איר גאָרנישט אינטערעסירט, וואוהין ער גייט.

אַזוי שמועסנדיק, קומען זיי אַריין אין שטאָטישן גאָרטן.

די באַבלעטערטע ביימער פאַרשטעלן אינגאַנצן דעם הימל. פון צווישן די צווייגן זיפּן זיך אַדורך די שטראַלן פון די עלעקטרישע לאָמפּן. פון דאָ און דאָרטן הערט זיך אַן אָפּגעריסן לאַכן.

ווי אַ גנב אין אַ פרעמדער קעשענע רוקט הערמאַן זיין האַנט אַלץ ווייטער, אַרומצוגעמען סאָניעס טאַליע.

ווי הייסע צונגען גלעטן זי זיינע פינגער.

— נ—נ—ניין, ניטע — שטאַמלט זי אַרויס; זי שפירט, ווי דער קערפער ווערט איר שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט הייס בליי. ס'פאַרדריסט זי אויף זיך אַליין, וואָס זי קען זיך נישט באַפרייען פון זיין לעקנדיקער האַנט. זי שפירט, ווי איר קערפער ציט זיך צו אים.

ער וויל אָנלענען זיין קאָפּ אויף איר, זי ציט זיך צוריק, ער קוקט זי אָן מיט אַ פרעגנדיקן בליק. דערווייל קריגט זי צוריק די זיכערקייט איבער זיך.

— איר פאַרגעסט זיך, הערמאַן! — זאָגט זי אַ באַליידיקטע.

— און איר האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט פאַרגעסן? — פרעגט ער זי, קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין פילדייטיק.

זי קען זיין בליק נישט אויסהאַלטן און ענטפערט אים:

— ע—ע—ע, יעדנפאַלס נישט ביי אייך.

— ?!

— אַזוי ווי איר הערט, נישט אַזעלכער, ווי איר ווערט מיך נעמען.

— איך אימפּאָניר אייך נישט?

— ניין!

— אַהאַ, איר זוכט עפּעס העכערס!

— אַוודאַי!

— „ער" וויל אָבער אויך עפּעס האָבן — רעדט הערמאַן מיט גרינגשעצונג.

— אָדער—אָדער, — ענטפערט זי קאָקעט — אָדער טון אַ רייכן שידוך, אָדער אינגאַנצן נישט.

— רייך, שיין, אינטעליגענט — רעכנט הערמאַן אויס חוזקדיק.

— יאָ! יאָ! — שאָקלט זי צו מיטן קאָפּ ביי יעדן וואָרט.

ער וואַרפט איר צו אַ ציניש בליק, וועלכן זי מאַכט זיך נישט פאַרשטיין, און שטעלט זיך אויף צום גיין.

געזעגענענדיק זיך מיט איר פאַרן טויער, פּרוווט ער זי צוציען צו זיך.

זי ציט זיך צוריק, ווי זי וואָלט דערפילט אַ שלעכטן ריח.

הערמאַן קנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך באַמת צו אונטערדריקן אַ שמייכל און ער וויל גיין.

דערזעענדיק, ווי גלייכגילטיק ער נעמט-אויף איר דער־ווייטערונג, כאַפּט זי אינסטינקטיוו אָן זיין אָרעם, אירע פינגער קלאַמערן זיך פעסט, ווי אַ שפּין, ווען זי כאַפּט אַ פליג.

מיט אַן איראָנישן שמייכל קוקט ער דאָ אויף איר האַנט, וועלכע האַלט אים פעסט, דאָ קוקט ער איר שטאַרק אין די אויגן אַריין. ביידע צעלאַכן זיך.

זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען.

אַהיימקומענדיק, קריכט סאָניע אַרום אין דער ליידיקער שטוב. די שוועסטער איז נאָך נישט געקומען. דער מוטערס שלעפעריק פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ וואַקסענער שאַרבן, דאָס מויל אָפן, אָנשטאָט אויגן, גרויע פלעקן.

זי טוט זיך אויס פויל און לאַנגזאַם, ביזן העמד, טראָגט צו דאָס לעמפל צום שפּיגל, גלעט זיך דעם קערפּער, מעסט און וועגט זיך די בריסטן. זי האָט אַמאָל געהאַט צוויי פול-רונדיקע בריסטן, און יעצט האָט זי צוויי קליינע צעוווירענע זעמל־טייגלעך. זי ציטערט אויף, ס'ווערט איר קאַלט.

שנעל וואַרפט זי זיך אַריין אין בעט און דעקט זיך צו

מיט דער נדן-דעק. ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג, שטייף ווי אַ סטרונע, שטרעקט אויס דעם האַלז, ציט אַליין דעם קאָפּ העכער, ווי אַ בעז-צווייגל אין חודש מאַי. זי דריקט צו די הענט צום לייב, גלעט זיך אויף דערזעלבער שטעל, וווּ זי האָט געפילט הערמאַנס וואַרעמקייט, דריקט צוזאַמען איר שויס, וויקלט זיך און קורטשעט זיך, ווערט איינגאַנצן קליין, איינגעשרומפּן, ווי אַ פּלימל אין האַרבסט, ווען די זון האָט אים פאַרזאָגט דעם וואַרעמען שטראַל.

בײַ א חלבן ליכטל

אויף אַ ליידיק, הויל טישל ברענט זיך אַ חלבן ליכטל און לייבל זיצט, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיטביידע הענט, די פינגער פאַרפלאָכטן אויפן שטערן — דאַרעביינדלעך, ווי די ריפּן פון אַ סקעלעט.

אַזוי זיצט ער אָפּ אַ לאַנגע צייט אומבאַוועגלעך, איינגע־הויקערט, צוזאַמענגעקנייטשט, ווי אַ ליידיק מלבוש.

דאָס קליינע ליכט־פלעמל טאַנצט און צאַנקט איבער זיין קאָפּ, צעגיסט זיין שאָטן אויף דער וואַנט, ווי אַ גרויסע פלע־דערמויז.

פון דעם ליכטל ציט זיך אינדערהויך אַ דינער, קרומער רויך־פאָדעם און גיסט זיך אויס אויפן סופיט אין אַ שמוציק־געל־ווייסן קרייז.

דאָס ליכטל ווערט קלענער, זינקט איין, דער רויך ווערט געדיכטער און באַלד לויכט אויף דער פלאַם, ווידער טונקע־לער צו ווערן, דער קנויט ווערט רויט, ווי אַ צעגליט דרעטל, אויפן שפּיץ אַ בלימעלע, דאָס רויט־גאָלדענע בלימעלע בלעזלט זיך, ס׳ווערט אַש־גרוי, דערנאָך שוואַרץ, ביז אַ חושכדיקער נעפּל שלינגט איין דעם שלאָפנדיקן קנויל.

דאָס גאַנצע שטיבל שלאָפט. פון אַנדערן צימער הערן זיך טריט, די טיר עפנט זיך אויף, אַ פּאַסמע ליכט שווימט

אריין און לייגט זיך אוועק אויף דעם דיל, ווי א ברייטע וויאָסלע. ס׳באַווייזט זיך מנחם.

— לייבל! — רופט דער אריינגעקומענער

— הם! — גיט לייבל אַ ברום, ווי די שטים וואָלט אים געקומען פון דער פלייצע.

דער גאַסט האָט אַרויפגעדרייט דעם עלעקטרי און גענומען טרייסלען דעם פאַרשלאָפענעם.

- שטייט אויף, קומט אַביסל אַראָפּ!

דער איבערגעוועקטער פאַרפלעכט די פינגער און ברעכט איבער אַלע מיטאַמאָל, אַזוי, אַז ס׳קנאַקן שטאַרק אַלע פינגער-געלענקען, ווי ס׳וואָלטן געפּאַלן אַרבעס.

— פע, חלב שטינקט! – דרייט מנחם, מיט דער נאָז, ער לויפט צוריק צו דער טיר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך פאַרטשאַדען: — אַ מענטש האָט עלעקטרי און נוצט ליכטלעך — זאָגט ער.

— אַ דאגה האָב איך, זאָל מיין באַלעבאָסטע נישט זאָגן, אַז כ׳פאַרברען צופיל עלעקטרי — רעדט לייבל ווי פון שלאָף.

מנחם פּאַקט אויס אַ קליין פּעקעלע עסנוואַרג, אַ פערטל קילאָ ברויט, אַ שטיקל הערינג און אַ פּאָר שטיקלעך צוקער.

מ׳הויבט אָן צו שמועסן וועגן ליטעראַטור.

— איך האַלט נישט פון ערנבורגן — זאָגט לייבל מיט אַ גרימאַסע, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן עפּעס איבלדיקס — ער מאַכט קונצן.

— אָן אונטערשיד, ווי אַזוי מען שרייבט...—זאָגט מנחם — צי זיי זענען פוטוריסטן, עקספּרעסיאָניסטן, דאָס אַרט מיך גאָר-נישט, מיך אינטערעסירט דער אינהאַלט.

ביי די ווערטער נעמט ער אַרויס פון טאַש אַ קליין לידער-ביכל פון היינריך היינע און נעמט לייענען אין אָריגינאַל:

„דו זאָלסט מיך ליבענד אומשליסען,
געליבטעס, שענעס ווייב!
אומשלינגען מיט אָרמען און פיסען,
און מיט דעם געשמאַידיגען לייב".

אָבער לייבל לאָזט אים נישט דעקלאַמירן, ער רייסט אים בסדר איבער:

— בערגלסאָן האָט שוין ווידער אָפּגעדרוקט אַ נייע נאָ־וועלע אין ליטעראַרישן זשורנאַל, ס'איז קונסט! — ענדיקט ער מיט אַנטציקונג, און ציט אויס זיינע דאַרע פינגער צו מנחמס פּנים, ווי ער וואָלט אים געוויזן די נאָוועלע.

מנחם צינדט אָן דעם „פּרימוס", וואַשט אויס צוויי גלעזער, גיסט איין טיי און ביידע זעצן זיך עסן, מען אַמפּערט זיך ווייטער, יעדער ווייזט אַרויס זיין בקיאות און מבינות, איינער וויל איבערצייגן דעם אַנדערן, מען פּילפּולט זיך, ווי איבער אַ בלאַט גמרא, ביז האַלבער נאַכט.

ווען לייבל בלייבט ווידער אַליין, נעמט ער אַרויס פון אַ שופלאָד אַ פּוילישע גראַמאַטיק, אַ פּאָר פאַרשריבענע העפטן און אַ העברעיש ווערטערבוך.

צוערשט פאַרצייכנט ער עפּעס פון די העברעישע ווער־טער, שפּעטער נעמט ער באַאַרבעטן אַ פּובליציסטישן אַרטיקל אויף פּויליש, פאַר דער לערערקע פון די אָוונט־קורסן.

לאַנג זיצט ער אַזוי איבערגעבויגן איבערן פּאַפּיר.

אין צווייטן צימער איז שוין שטיל, ס'הערט זיך דאָס קרעכצן פון דער פעדער, ווי דאָס כריפּען פון אַ גוסס.

אַ נאַכט־פלאַטערל פליט אַרום מיט אַ זשומעריי, שלאָגט זיך אַלע ווײַלע אָן אין לעמפּל, און שפּרינגט אָפּ צוריק, פליט ווידער צו און שפּרינגט ווידער צוריק.

לייבל באַטראַכט דעם קאַמף פון דעמדאָזיקן באַשעפעניש מיטן פייער, ער פאַרגעסט אָן זיין אַרבעט, ער קוקט פאַרעקשנט און טראַכט:

— ס׳וועט זיך דאָך פאַרברענען. צו וואָס רייסט עס זיך צום גליענדיקן גלעזל? וואָס ווירקט דערויף, ס׳זאָל זיך אַזוי רייסן צום פייער? צי ווייסט עס, וואָס עס וויל?

און ער נעמט טראַכטן וועגן זיין שרייבן.

„צו וואָס שרייב איך דאָס? וואָס וועט שוין זיין, ווען כ׳וועל עס שוין האָבן אָנגעשריבן, כ׳וועל דערמיט עפּעס דער-גרייכן, אָדער עמעצן עפּעס העלפן״?

אינסטינקטיוו נעמען זיינע פינגער דאָס באַשריבענע פּאַפּיר און צערייסן עס.

ער נעמט אַראָפּ די קאָלדרע פון בעט, טוט זי אַ וואָרף אין אַ זייט, ער טוט זיך שנעל אויס, וואַרפט דאָס אָנטועכץ, וווהין ס׳זאָל נישט פאַלן, גלייכגילטיק, ווי מען וואַרפט אַוועק אַ פּאַפּיראָסן-שעכטעלע, לעשט אויס די ליכט און נישט אויפשלאָגנ-דיק די קישנס, טוקט ער זיך אונטער, אונטער די כוואַליעס פון דער פעדער-דעק.

אַ גרין-בלויע ליכט שיינט אַריין און שפּיגלט אָפּ דאָס פענצטער אויף דער קייגנאיבערדיקער וואַנט.

אַ זילבערנער שטויב שווימט אַרום אין דעם לבנה-שיין, וועלכע גלעט די פּאָר ביכלעך אויפן טיש, די פאַנאַנדערגעוואָר-פענע קליידער און לייבלס פאַרמעטענע פּנים, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּגעריבענער ציפערבלאַט.

צומאָרגנס קומט לייבל אַריין צו באַקאַנטע, ביי וועמען ער האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט מנחמען. ער איז פול אָנגעשטאָפּט מיט צייטונגען, זשורנאַלן, פון אַלע טאַשן קוקט אַרויס דאָס געדרוקטע פּאַפּיר.

— מנחם איז נישטאָ? — זענען זיינע ערשטע ווערטער נאָכן באַגריסן זיך.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? ער וועט נאָך קומען, זיצט אַביסל — זאָגט צו אים די באַלעבאָסטע, אַ יינגע פרוי מיט אַ פּאָר גרויסע סאַמעטענע אויגן, זי האָט אים אַזוי פריינטלעך אויפגענומען, אַז ער מוז זיך שוין זעצן.

ס׳גלוסט זיך אים נישט צו פאַרברענגען „גלאַט אַזוי״, אָבער ער קען נישט געפינען קיין שום אויסרייד מיט וואָס זיך אַרויסצודרייען.

ער שלעפּט אַרויס פון טאַש אַ פּאָר צייטונגען, נישטערט אַביסל און וויל נעמען לייענען, אָבער די יינגע פרוי שטערט אים כּסדר מיט פאַרשידענע שאלות.

ער ענטפערט אַמאָל וויינ‌יקער, אַמאָל מער, עפּעס קלעפּט זיך נישט.

דערווייל קומען צוגיין באַקאַנטע מיידלעך. מען דערציילט, מען לאַכט, לייבל קוקט אַלעמאָל אויפן זייגער.

— שוין שפּעט — זאָגט ער, אויפשטעלנדיק זיך — כ׳מוז שוין גיין.

פונדעסטוועגן שטייט ער נאָך אומאַנטשלאָסן, ער קוקט נאָכאַמאָל אויפן זייגער, זעט, אַז ער וועט סיי-ווי שוין היינט נישט קענען גיין אין קינאָ, בלייבט ער שוין אַביסל לענגער, אָבער די אונטערהאַלטונג אינטערעסירט אים נישט.

— איי, געפּטרט אַן אָוונט! — כאַפּט ער זיך אַרויס.

— וואָס הייסט „געפּטרט אַן אָוונט״? — פרעגט אים אַ מיידל מיט אַ פּאָר גרויסע מאַנדל-אויגן.

— הם, הם, הם, כ׳מיין גאָרנישט...— וויל ער זיך פאַרענטפערן, אָבער ער געפינט נישט וואָס צו זאָגן — כ׳מיין, אַז

„איר" האָט געפּטרט אָן אָוונט — ענדיקט ער מיט אַ געקינצלטע איראָניע.

דאָס מיידל באַמיט זיך ווייטער מיט אים צו פאַרבינדן אַ שמועס, אָבער ער איז קאַרג אין לשון, די גאַנצע געזעלשאַפט לאַנגווייליקט אים, אַלץ, וואָס מען רעדט דאָ, זעט בײַ אים אויס פּוסט.

— מען קייעט שטרוי — זאָגט ער זיך אין געדאַנק.

— איך וואָלט דערווייל געקענט עפּעס אָנשרייבן — קלערט ער — און דאָ פאַרשווענד איך די צייט אויף גאָרנישט.

— כ׳גיי! — זאָגט ער פּלוצים.

— וואַרט, כ׳גיי אויך — רופט אים צו דאָס מיידל, וואָס באַמיט זיך צו זיין אין זיין געזעלשאַפט.

— קומט שוין — ענטפערט ער איר, און טראַכט זיך — צו וואָס דאַרף איך זי?

און אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, ווען דאָס מיידל פאַרשמועסט זיך אַביסל פאַרן אַוועקגיין, זאָגט ער:

— אַ גוטע נאַכט! — און גייט שנעל אַוועק.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, נעמט ער גיין גיך, ער איז פאַרטיפט אין שווערע מחשבות. אַ דראָבנע רעגנדל פאַלט אָן אויפהער, אָבער ער פילט עס נישט, זיינע טריט ווערן שוואַכער, ער גייט וואָס-אַמאָל פּאַמעלעכער, איינגאַנצן פאַרטראַכט אין זיך.

— ווידער אַדורך אַ טאָג — זאָגט ער צו זיך אַליין — אַזוי גייט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און מיט וואָס נוץ איך אויס דאָס לעבן? און אַז כ׳גיי שוין אַמאָל אין טעאַטער, וואָס גיט עס מיר?

— וואָס האָב איך שוין דערגרייכט מיט מיינע אַכט-און-צוואַנציק יאָר? צי וועל איך כאָטש לעבן נאָכאַמאָל אַזוי לאַנג?

אַזוי גייענדיק, שפּירט ער נישט, ווי דער רעגן ווערט שטאַרקער.

ער טאָפּטשעט אין וואַסערלעך, באַשפּריצט זיך, אין די שיך איז אים שוין גוט נאַס, דער הוט דורכגעווייקט, פון פאַלטן ציען זיך וואַסער־שנירעלעך, אָבער ער שלעפּט זיך פאַמעלעך, פאַרקלעמט און פאַרטראַכט.

ער גייט איינגעבויגן, ווי אַן אַלטער מאַן.

די פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָס פּאַטשן מיט די רעדער און וואַרפן מיט בלאָטע אויף אַלע זייטן, אַ שטיק קויט האָט זיך אים צוגעקלעפּט צום פּנים, ער האָט זיך אַ ווישׁ געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן, ס'איז געבליבן שטיין אַ טונקעלער שטריך, וואָס זעט אויס, ווי אַ טיפער קנייטש, דאָס מאַכט אים אַלט און מיאוס.

ווי אַן אַלטער, צעבראָכענער זקן שלעפּט ער זיך אַזוי, ווי אויף רעוומאַטישע פיס.

אַריינקומענדיק אין שטוב, וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך די אויסגעווייקטע מלבושים און בלייבט זיצן אין די אונטערוועש. ער באַקוקט די צעריסענע זוילן, פונקט ווי דער רעגן וואָלט אים אָקאָרשט דערמאָנט, אַז מען מוז האָבן גאַנצע שיך.

ער לעשט ווידער אויס די עלעקטרי, צינדט אָן אַ ליכטל און נעמט זיך שרייבן.

פון דרויסן הערט זיך דאָס כלעפּטשען פון רעגן אין די דאַך־רינעס, די שטוב איז פאַרצויגן מיט טונקעלע שאָטנס, פון אונטער זיין פעדער שפּרינגען אַפער — אויפן ווייסן פּאַפּיר — שוואַרצע שטריכעלעך און פּאַסעקלעך, וועלכע דערציילן אַלץ, וואָס ער פילט.

דאָס סקריפּן פון דער פעדער ווערט אַלץ שוואַכער, דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט.

אַ שוואַכע מידיקייט דריקט זיינע פּלייצעס, ווי די גאַנצע ערד-משא וואָלט אויף אים געהויערט.

אַ מידער לייענט ער דורך דאָס געשריבענע און לאָזט עס גלייכגילטיק ליגן אויפן טיש.

ער שלעפּט זיך צו צום בעט, שפּרייט שטאַרק פונאַנדער די אָרעמס, אין אַ קרייץ. ציט זיי אויס מיט קראַפט, אַז די ביינער קנאַקן.

ער דערמאָנט זיך וועגן דעם מיידל, וועלכע האָט היינט מיט אים געוואָלט אַביסל שפּאַצירן, און בעת ער קריכט לאַנגזאַם אריין אין בעט, קלערט ער איבער, צי ס׳וועט זי נישט אַמאָל פאַרדריסן, וואָס ער איז אַוועקגעלאָפן. ער פילט איר קאָקעטישן בליק, איר וויברירן מיטן וויכן קערפּער.

„אַ ליידנשאַפטלעכע מויד” — זאָגט ער צו זיך אַליין און דרייט זיך אויפן געלעגער, וויקלט זיך אַרום מיט דער דעק און טראַכט זיך:

— דער מענש איז נישט מער, ווי אַ באַשעפעניש.

אַ חיה, אַזוי גוט, ווי אַלע באַשעפענישן.

אַ ח-ח-חיה...

א לינגט

אַזוי זיצט זי יעצט און באַטראַכט דאָס בילד און וויינט, ווי ביי אַ מצבה. זי שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַן אַלטע באָבע איבער דער תחינה און די טרערן רינען איר פון די אויגן, טריפן איבער די באַקן ביז אין האַלדז אַריין.

דער גרויסער פּאָרטרעט, אויף וועלכן זי שטייט אין אַ צערטלעכער פּאָזע מיט „אים״, איז ביז יעצט געווען איר רעליקוויע, ס'האָט איר געגעבן כּוח אויסצוהאַלטן די לאַנגע איינזאַמקייט.

זי דערמאָנט זיך, ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געווען. זיי האָבן זיך צעווערטלט צוליב אַ קלייניקייט, זיי האָבן זיך דאָך אַזויפיל מאָל געקריגט בעת דעם צוזאַמענלעבן. אָבער, אַז ס'וועט אַזוי ווייט דערגיין, וואָלט זי קיינמאָל נישט געגלויבט.

לאַנג האָט זי געהאָפט, אַז ער וועט צוריקקומען.

יעדעסמאָל, ווען זי האָט דערהערט טריט הינטער דער טיר, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער קומט, און ס'האַרץ איז איר שטיין געבליבן פאַר פרײדיקער דערוואַרטונג, אָבער יעדעסמאָל — אַן אַנטוישונג.

ער האָט נישט מער די שוועל איבערגעטרעטן, נאָר געשיקט אַנדערע, און שפּעטער איז נאָך געקומען די מיאוסע גט-פּראָצעדור.

אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן איז זי געזעסן און נאָר געקוקט אויפן בילד, וואָס האָט איר דערציילט פון אַ גליקלע־כער צייט.

ווען אירע עלטערן האָבן זי צוגערעדט, זי זאָל זיך אַנט־שליסן צו אַן אַנדערן, האָבן זייערע ווערטער זי געשטאָכן, ווי נאָדלען.

— נאָר דאָס נישט — האָט זי געזאָגט — איך טויג שוין פאַר קיינעם נישט, איך וועל שוין אַזוי אָפּלעבן מיינע פאַר יאָר אין בענקשאַפט.

אַהיימקומענדיק יעדן אָוונט פון דער אַרבעט, האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין דער שטוב, ווי אַ שאָטן. דער שטויב האָט איבערגעצויגן די ווענט, גרוי איז אַלץ געווען, ווי אין אַ שטייג. זי איז אַרומגעקראָכן שטיל, ווי אַ הינדל, די בענקשאַפט האָט געגנאָגט דאָס האַרץ, ס׳האָט זיך נישט געגלוסט צו מאַכן עסן (נישטאָ פאַר וועמען). זי איז איינגעצערט געוואָרן, ווי אַ פאַר־טריקנט צווייגל; די אויגן האָבן זיך איר אַרומגעזיימט מיט רויטע רעמלעך.

איר פּנים האָט געקריגן אַן אויסזען ווי פון אַ סאָווע.

ווען די מוטער האָט גענומען וויינען אויף דער טאָכטערס לעבעדיקן קבֿר, האָט זי איר שוין געשענקט אויפמערקזאַמקייט.

אין אַ געוויסן אָוונט, ווען דער פאָטער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— טו מיר נישט אָן אַזאַ בושה, אַ יידישע טאָכטער מוז חתונה האָבן. —

האָט זי נאָך לאַנגן וואַקלעניש צוגעשטימט:

— אפשר וועל איך מיך נאָך קענען צוגעוויינען צו עמעצן — האָט זי געזאָגט.

און אַזוי האָט עס צוגעפּירט, אַז היינט אום אַכט אָוונט זאָל צו איר אַרויפקומען אַ בחור.

זיצט זי און דערוואַרט דעם „צווייטן" מיט האַרצקלאַפּן און רעדט צו זיך אַליין:

— איך קען דאָך שוין נישט מער אויסהאַלטן; די איינזאַמקייט עסט מיך אויף.

דער מוח ציט זיך איר צוזאַמען, זי וויל נישט קלערן, נאָר די געדאַנקען לויפן; זי האָט שוין באַלד חרטה פון איר באַשלוס. אָבער זי פילט, אַז זי האָט אַנדערש נישט געקענט.

זי פלעכט צוזאַמען די פינגער, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט אויסברעכן, ציט אויס די הענט אין אַ האַלבן בויגן און צעוויינט זיך הויך, מיט אַ פאַרקרימט פנים, ווי אַ קליין קינד.

זי פאַלט אויפן בעט, וויקלט זיך צוזאַמען און ליגט, ווי אַ קופּע שמאַטעס.

אין שטוב איז גאַנץ שטיל, ס'הערט זיך נאָר דאָס גלייכמעסיקע קלאַפּן פון וואַנט-זייגער. אינדרויסן פאָרט פאַרביי אַ לאַסט-אויטאָ. די גאַנצע שטוב טאַנצט אונטער און די שויבן ציטערן, ווי ביי אַ שטורעמווינט.

ווי אַ קירכן-גלאָק קלינגט דער זייגער אויס פייערלעכע, צעצויגענע טענער, וועלכע בלייבן הענגען איבער די אויערן און זשומען.

זי שפּרינגט אויף, ווי זי וואָלט זיך איבער עפּעס דערשראָקן, שטייט אַ מינוט אומאַנטשלאָסן, כאַפּט אַראָפּ דאָס בילד פון דער וואַנט, פאַרשטעקט עס אין שאַנק.

זי מאַכט ליכטיק אין שטוב, שטויבט אָפּ אַלע מעבלזאַכן, נעמט אַרויס אַ געבלומט טישטוך, ווי אַ פּרוכת, דעקט צו דעם טיש, זוכט אויס אַ מעטאַלענעם אַש-בעכער, פּוצט אים אויס און שטעלט אים אויפן טיש.

לאַנג האָט זי היינט פאַרבראַכט ביי איר טואַלעט.

יעצט זיצט זי און העפט אַ סערוועטקעלע פון קאָלירטן זייד — אַ פאַרפומירטע, אַן אָפּגעפודערטע — אין די אומגעדולדיקסטע דערוואַרטונגען.

שוין פיר וואָכן נאָך דער חתונה. זי זעט אויס צו זיין גליקלעך, ווידער איז היימלעך ביי איר אין שטוב. ס׳קומען באַקאַנטע, ס׳איז ליכטיק און וואַרעם.

דער מאַן רעדט גאָרנישט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט.

ווען די באַקאַנטע זענען אַוועק, האָבן זיי זיך געזעצט אויף דער קושעטקע, געפלוידערט, ווי צוויי קינדער. ער נעמט זי אַרום און האַלט צו די אויגן פאַרחלומט.

זי פילט זיך נישט גוט אין זיינע אָרעמס, עפּעס ציט ער זי אַזוי פעסט צו זיך.

צערטלעך מאַכט זי זיך פון אים לויז, ער לייגט זיין האַנט אַרום איר האַלז, זי וויל אויך דאָסזעלבע טון, נאָר עפּעס לייגן זיך נישט אירע הענט, זיי זענען איר אַזוי שווער, זי באַטראַכט זיין שמייכלדיק צעקנייטשט פנים. ער קומט איר פאָר תאווה־דיק, ווי אַ סאַטיר, אַ קעלט נעמט זי אַרום. זי ציטערט אויף און באַפרייט זיך פון אים.

— פאַרוואָס רוקסטו דיך תמיד אָפּ פון מיר? — פרעגט ער איר מיט פאַרשיכורטע אויגן, פאַר וועלכע זי שרעקט זיך.

— כ׳בין מיד — ענטפערט זי און טוליעט זיך צו אים.

זי האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס זי האָט נישט ליב זיין נאָענטקייט. „ער איז דאָך אַזוי גוט צו מיר״, טראַכט זי זיך. „פאַרוואָס האָב איך אַמאָל אַזוי שטאַרק ליב געהאַט ליבעס־לאַסקעס און היינט קען איך מיין מאַנס נאָענטקייט נישט פאַרטראָגן?״

זי שייגעצט זיך אליין אויס אין געדאַנק.

וועלנדיק דעם מאַן פאַרגיטיקן פאַר דער גאַנצער צייט, נעמט זי זיין קאָפּ צווישן אירע פינגער, ווי אַ פּילקע און עסט זיך איין אין זיינע ליפּן.

די לבנה קריכט אפער פון אַ וואָלקן און שמייכלט אריין מיט אַ ווייס-רונדיקן קאָפּ, ווי אַ צירק-קלאָון.

זיי האלטן זיך צוזאַמענגעשמידט פון הייסן ליבעס-גלי.

זיינע פינגער טאַנצן איבער איר קערפּער און פלאָנטערן זיך צווישן אירע קליידער, ווי אַ פליג אין שפּין-געוועב. ער באַ-פרייט אירע קליינע בריסטלעך, ווי צוויי פאַרוויאַנעטע רויזן-קלאָמבעס פון טונקעלן באַדעקעלך.

אַ העלער לבנה-שיין פלעכט זיי צוזאַמען.

ער קישט איר דעם האלז, ליפּן, באַקן, נאָז און די אויגן.

זי שפּרינגט אויף, ווי זי וואָלט אַ ברי געקריגן.

דאָס קישן אויף די אויגן האָט זי דערמאָנט אָן איר „ערשטן", איר קערפּער האָט זיך אַ טרייסל געטון.

— וואָס איז? — פרעגט דער מאַן.

— גאָרנישט! — ענטפערט זי און באַמיט זיך צו לאַכן.

— עפּעס ביסטו נישט רויִק — זאָגט ער אַ צעמישטער.

— גאָרנישט! — ענטפערט זי נאָכאַמאָל און דרייט אַוועק דעם קאָפּ.

אין די ווינקלען פון אירע אויגן באַווייזן זיך ברילאַנט-לעך, פינקלדיקע, זיי צערינען איבער די באַקן ביז אין מויל אריין.

— וואָס וויינסטו? — פרעגט ער שוין שטרענג — האָסט מיך נישט ליב? וועל איך גיין.

— נעם מיך ארום — רעדט זי ווי פון שלאָף — כ'בין גליקלעך. — זי וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר פילנדיק, ווי זי

זאָגט נישט אמת, זענען ביי איר די ווערטער שטעקן געבליבן אין האַלז.

— מוזט מיר זאָגן, פּאַרוואָס דו וויינסט — בעט זיך דער מאַן ביי איר ברידערלעך.

— כ׳ווייַן, ווייל, הם, הם... — זי קען נישט געפינען קיין אויסרייד, באמיט זי זיך וואָס מער צו שלוכצן, און אירע ליפּן רעדן אַרויס פון זיך זעלבסט:

— כ׳וויין, וואָס דו ביסט נישט געווען מיין ערשטער.

און זי פרייט זיך אינערלעך, וואָס זי האָט געפונען אַזאַ גוטן ליגנט.

פרנסה

דער פרימאָרגן טרייבט אַרויס די טונקלקייט פון שטוב און מאַכט דייטלעכער אין די ווינקלען די פּאָר בילדלעך, וואָס הענגען אויף דער וואַנט, און דאָס צווייטע בעט, אין וועלכן דער מאַן שלאָפט.

חיה הויבט אויף דעם קאָפּ פון די ווייסע קישנס און קוקט אַריבער צו אים. ער ליגט מיט אַן אָפן מויל און שנאָרכט געשמאַק אין דער וועלט אַריין. לויט דער ליכטיקייט דערקענט זי, אַז ס׳איז צייט אויפצושטיין.

— ברוך! — רופט זי אַריבער צום מאַן, און ווען ער דערהערט נישט, נעמט זי העכער שרייען — ברוך! ברוך!

דער געדרופענער גיט זיך אַ דריי, דאָס העמד עפנט זיך אויף ביים האַלז ביז צום האַרץ-גריבל און ס׳זעט זיך אַרויס אַ פעט, העל לייב, אַ ווייכס, ווי ביי אַ פרוי.

ער גיט אַ שטאַרקן כריפּ, ווי ער וואָלט זיך געקרעקט און עפנט אויף די אויגן.

— שוין! — רופט ער זיך אָן פאַרשלאָפן, דרייט זיך אויס צו דער וואַנט און שלאָפט שוין ווייטער.

אירע ברוינע אויגן בליצן אַרויס פון די בלוילעך-ווייסע עפּלען און זי גיט אַ געשריי אויף דער גאַנצער קעל:

— בּ—רו—ך!

ער גיט אַ פּאָרסקע, ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ וואַסער, ציט אויס איין אָרעם, דעם צווייטן, דערנאָך ציט ער זיך אינ-גאַנצן אויס, צעגענעצט זיך הויך.

אָ-אָ-אָ אַ-ההה, שוין, שוין, חיהשי, שריי נישט! — און ער שטעלט אַרויס זיינע באַוואָקסענע פיס אויף דער ערד — איי בין איך יעצט געשמאַק געשלאָפן, ווען וועט זיין הגא, חיהשי! מ'זאָל שוין קענען אַביסעלע לענגער ליגן אין בעט!

— טו דיך שנעלער אָן, אַלטער נאַר — ברוגזט זיך ס'ווייב.

— וואָס ביסטו אַזוי בייז? — ער וויל זי אַרומנעמען.

— פּוילאַק! — גיט זי אַנגעשריי — יאָג דיך צו אַביסל, צייט אויפצומאַכן די בויד, אויף מער ביסטו נישט פעיק.

ער טאַנצט פון איר אַוועק, ווי אַ קינד און רעדט שולדיק:

— אַז דו ביסט בייז איז נישטאָ מיט דיר וואָס צו מאַכן.

וואַשנדיק זיך ביים קראַן, לאָזט ער שפּריצן אַרום זיך דאָס וואַסער אויף דעם דיל, ווי אַ רעגן.

— שוויגער! — וועקט ער די אַלטע — שוויגער! שוין אַכט אַ זייגער.

אין אַן אייזערן בעטל, נישט ווייט פון דער קיך, רירט זיך אַ גרויסע מאַסע, אַ צעוווירענע, בלויז שמאַלץ און פעטס.

די אַלטע הויבט אויף דעם גרויען, צוגעדעקטן קאָפּ, שי-בערט זיך אַביסל, ברוך ליופּט אַרום זוכן אַ האַנטוך, ס'גייט פון אים אַ פּאַרע, ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ באָד.

ווען חיה קומט שפּעטער אַריין אין קיך, קאָכט שוין דער טשייניק אויף דער קיך-פּליטע, און עס שמעקט מיט פרישע קאַווע. איר מוטער, אַ ברייטע, אַ שווער-רירעוודיקע, גאָדערטע, ווי אַן אינדיק, האָט טענות צו די אייניקלעך, וואָס ווילן זי נישט האָרכן.

— זיי קערן איבער די שטוב, ווער קען פון זיי אויס־האלטן? טייוולאָנים זענען זיי.

חיה, וועלכע איז געוווינט דאָס צו הערן יעדן טאָג, ענט־פערט גאָרנישט, זי גרייט צו פרישטיק פאַר די קינדער.

— מאַ־מע! — שרייט אַריין דאָס מיידעלע פון דער צווייטער שטוב — כ׳וויל קאַקאַאָ!

— שוין, שוין, כ׳גיי, טאָכטערשי — ענטפערט די מוטער צערטלעך.

זי זעצט זיך ביים קינד אויפן בעט און קושט זי האַרציק.

— וואָס האָט די פּאַני מיט דיר נעכטן געלערנט?

דאָס קינד רעכנט איר אויס פאַרשידנס.

— זאָלסט דיך גוט לערנען, הערסט? זאָלסט אויך פאָלגן די באָבעשי.

זי וועקט אויף דאָס עלטערע קינד — אַ ייִנגעלע — העלפט אים זיך אָנטון.

— אַ גאַנצע חברה ייִנגלעך ברענגט ער זיך אַרויף — מוסרס אים די באָבע אויס.

— כ׳ווייס דאָך, אַז דו האָסט נישט ליב קיין קינדער — ענטפערט די טאָכטער — ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן, ביי מיר מעגן זיי אַלץ טון, וואָס זיי ווילן.

זי צערטלט זיך נאָך אַביסל מיט די צוויי קינדערלעך און פירט זיי אין שול.

קומענדיק אין דער האַלע, נעמט זי זיך אַרום אַ וואַטע־נע יאַקע מיט אַ פּאָר שטרויענע שיך און אַ שאַל איבער די אויערן. דאָס אָנגעפּעלצטע אָנטועכץ מאַכט זי העכער און דיקער, זי ווערט ענלעך צו איר מוטער.

זי איז פאַרטון אין דער אַרבעט, זי האַנדלט מיט חשק און

מיט ברען, זי רעדט אַ סך און שמועסט איין די קונים, זי קריגט זיך הויך מיט די קאָנקורענטן.

— וואָס ווינטשט דער הער? — פרעגט זי אַ פאַרביי־גייענדיקן אַרבעטער — שעלקעס, שקאַרפעטן, טאַשנטיכלעך — רעכנט זי אויס.

— וואָס שלעפּסטו ביי די פּאָלעס?! — שרייט צו איר אַריבער אַ יידענע פון אַ דערבייאיקן טישל — ווילסט כאַפּן העכט, שטעל דיך אין ראָג...

— פאַרשטופּ דיר ס׳מויל! אַלטע קליאַטשע! — שרייט צוריק ברוך.

— רוף דיך נישט אָן — קריצט חיה מיט די ציין — כ׳וועל זיי נאָך אַלע אינגיכן פּטור ווערן. אויף קאַרטאָפל מיט זאַלץ וויל איך פאַרדינען, נאָר אין אַ געוועלב, ווי אַ מענטש, נישט אין דער האַלע.

אין אָוונט, ווען זיי קומען אַהיים, רויט פאַרפלאַמטע און זיי וואַרפן אַראָפּ פון זיך די שווערע ווינטער־זאַכן, זעצט זיך דער מאַן אַוועק ביים טיש, אָטעמענדיק שווער, ער מאַכט אַ שנאַפּס און נעמט אויסשיטן פון טאַש דאָס קלייגעלט, וואָס ער וויקלט איין אין ראָלקעס.

זי וואַשט זיך אַרום, פאַרקעמט זיך, באַטראַכט אין שפּיגל דאָס רויט־פאַרפרוירענע פּנים, דערנאָך לויפט זי נערוועז איבער דער שטוב, דאָ עפּעס גלייכמאַכן, אַביסל זיך קריגן מיט דער מוטער, ביז זי נעמט זיך אַ באַרויקטע אונטערהאַלטן מיטן מיידעלע.

— גייען מיר צום סוחר?—פרעגט דער מאַן, ווען דאָס גאַנצע געלט איז שוין אויסאָרטירט.

זי קלערט אַביסל און ענטפערט אַ ברוגזע:

— ווען וועל איך מיך שוין קענען פאַרלאָזן אויף דיר

אליין? בײטאָג שטײ איך אין דער האַלע, אין אָוונט מוז איך גײן צום סוחר, איך ברויך דאָך אַביסעלע צײט האָבן פאַר אַ קינד אויך.

— ווילסט נישט גײן? איז נישט! — זאָגט ער.

ס'קומט אַרײן איטקע, אַ שלאַנקע, אַ לײכט־באַוועגלעכע, חיה לויפט איר פרײדיק אַנטקעגן.

— אָ, אַ גאַסט, וואָס האָט דיך אַהערגעבראַכט?

— אַז דו וווינסט אַזוי ווײט, איז שווער צו קומען.

חיה לויפט אַרײן אין קיך און קומט צוריק אַ באַלאָדענע מיט טײ און קאָנפעקטן, איר פנים האָט אויפגעשײנט, בײם רעדן לאַכט זי האַרציק.

— אַלע האָבן אויפגעהערט צו קומען — באַקלאָגט זי זיך פאַר איטקען — מ'שעמט זיך מיט אַ האַלע־יידענע, האַ?

— וואָס פעלט דיר עפעס אײן? הלוואי וואָלטן מיר פעיק געווען צו האַנדלען.

— מײנסט טאַקע ערנסט? — פאָרשט חיה.

ברוך וואַרפט אַלעמאָל אַרײן אַ וואָרט, שמײכלט צו און דרעמלט צו ביסלעך.

— ווען מען האָט קינדער, פאַרשווינדט דער גאַנצער אי־דעאַליזם — רעדט איטקע, ווי פאַר זיך.

— נאָר פאַר די קינדער האָרעווע איך — שטימט אײן חיה — איך געניס גאָרנישט פון דער גרויסער שטאָט. נישטאָ קײן צײט.

ברוך קריכט אַרום איבער דער שטוב, אַ מידער שלעפט ער די פיס, פון חעפלעכקײטס־ווענן דערלאַנגט ער יעדעס מאָל עפעס איטקען, זי זאָל עסן.

ווען זי גײט אַוועק, באַגלײט זי חיה צו דער טיר און זאָגט איר אָן, זי זאָל נישט זײן אַזאַ זעלטענער גאַסט.

ווען זיי בלייבן אליין, זאָגט ברוך מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— קום שלאָפן, ווייבעלע.

— גיי, גיי — טרייבט זי אים פון זיך.

— שוין ווידער שלעכט געשטימט? אייביק איז מיין ווייב שלעכט געשטימט — ווינצלט ער זיך.

— גיי, גיי, לייג דיך שלאָפן — רעדט זי אין דער שאַנק אַריין.

ער פאָלגט איר.

זי דרייט זיך נאָך אַרום, פוצט אויס די שיכלעך פאַר די קינדער, זאָגט אָן דער מוטער, וואָס זי זאָל מאָרגן טון, שפּע־טער נעמט זי אַרויס דאָס גאַנצע געלט, וועקסלען און פּאַפּירן, ציילט, סאָרטירט, רעכנט, אירע אויגן גלאַנצן, דאָס פּנים שמייכלט.

— עט — זאָגט זי זיך — ס'איז טאַקע נישט ניחא צו זיין אַ האַלע־יידענע, אָבער פּרנסה דאַרף מען...

א פארכמורעטער

די גרויסע, קרישטאָלענע, עלעקטרישע לאָמפּן וואַרפן פון זיך שטאַרקע סנאָפּעס גאָלדענע שטראַלן.

דאַמען אין פאַרביקע זיידן־שטאָפן הוידען זיך, ווי באַוועג־לעכע בלומען; זיי שווימען אַרום אין דעם טעאַטער־פאָיע — די ווייכע בוזעמס אַרויסגעשטויסן, ווי זיידענע קישעלעך. די ליפּן קאַרמאַזין־רויט באַפאַרבט. זיי פאַרשפּרייטן אַרום זיך פאַרפומען־ריחות און שמייכלען מיט אויגן־גלאַנץ, רופנדיק און פאַרכישופנ־דיק, ווי רוסאַלקעס.

די מענער אין שוואַרצן, מיט ווייסע גאָרסן, ווי פאַרצעליי, בייגן זיך און ברעכן זיך, ווי אַרלעקינס, הכנעהדיק און גרייט צו דינען.

אַזוי שפּאַצירט מען פאַרביי פאַר שפּיגלען מיט גאָלדענע גפּזימסן.

מען כאַפּט אַ בליק אויף זיך און אויף דער שכנה.

מען מעסט זיך און מען שאַצט זיך. טייוויליש־שמייכלענדיק, ביטרע־זוכנדיק — צו געפעלן, צו באַזיגן און זיך צו באַרוישן.

מיט אַ זאָרגלאָז געמיט, אין יום־טובדיקער שטימונג, שפּאַצירן אויך דאָ אַרום, פאַרביי דעם לאַבירינט פון טירן, וועלוול מיט זיין חברטע גיטעלע.

פאַרבייגייענדיק פאַר אַ גרויסן שפּיגל, באַטראַכט ער זיך

מיט זיין באַגלייטערין. זי איז מיט אַ קאָפּ קלענער פון אים. ער גלייכט אויס זיין פּלייצע און הייבט אַביסעלע העכער דעם קאָפּ, אַרויסצוּווייזן זיין זיכערקייט צווישן דער אומבאַקאַנטער בונטער מאַסע.

— זי גלייכט זיך מיט די אַלע דאַמען — טראַכט ער זיך, ווען ער כאַפּט אַ בליק אויף איר פון דער זייט; זי וויגט זיך לייכט אויף אירע לענדן, דאָס קלייד מיט אַ לאַנגן „שלעפּער", ווי דער עק פון אַ פּאַווע. דער לייכטער, ווייכער פליטער-שטאָף רוישט און פּאַליעוועט זיך, ווי כוואַליעס.

— אָט דאָס האָב איך ליב — ווייזט ער אָן אויף דעם מענטשן-שטראָם. — אין טעאַטער מוז מען פילן די פייערלעכקייט. דאָס בלויזע שפּילן באַפרידיקט מיך נישט.

זי צעציט איר עטוואָס ברייט מויל און ווייזט אַרויס די ציינדלעך, און מיט אַ צושטימענדיק שמייכעלע זאָגט זי:

— ווי דען, אין יידישן טעאַטער קען מען זיך גוט ווייַלן?

— איר האָט דאָרט נישט קיין סביבה — קרומט ער זיך, האַלב מיט באַדויערן און האַלב מיט אַ טענה.

ס'דערהערט זיך דאָס קלינגען פון אַ גלעקל, און זשומענדיק און רוישנדיק, ווי בינען, לאָזן זיך אַלע צו די אייַנגענג פון זאַל.

— אַז מען קען זיך נישט דערלויבן כאָטש יעדע וואָך איינמאָל צו באַזוכן אַ גוט טעאַטער, איז אַלץ אין דר'ערד — זאָגט ער פאַרביטערט און קורטשעט זיך צוזאַמען אויף זיין פּלאַץ, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף אַ האַנט.

— אָבער איר דאַרפט זיך דאָך נישט פאַרביטערן די הייַנטיקע פאָרשטעלונג — מונטערט אים זיין חברטע, און זי בויגט זיך צו אים צו פאַרטרויערלעך.

ער דרייט אויס דעם קאָפּ צו איר, צומאַכנדיק אַן אויג;

גיט אַ וואָרף מיט דער שוואַרצער טשופּערינע, ווי אַ האָן מיט דעם קאַם און זאָגט דיסקרעט:

— נאָר אַ דאַנק אייך בין איך צופרידן פון היינטיקן אָוונט.

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, דרייט ער אויס דעם קאָפּ.

— פאַרוואָס עפּעס אַ דאַנק מיר? — פרעגט זי אים מיידליש־פאַרהוילן.

— פאַר דעם — ענטפערט ער, נישט קוקנדיק צו איר.

זי זעט נאָר פונדערזייט זיין לאַף־גריבעלע אויף זיין רעכטער באַק.

בשעת דער פאָרשטעלונג זיצט ער, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען, כמעט אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן.

זי האָט זיך שוין אייניקע מאָל אומגעקוקט צו אים און געזוכט אַ געלעגנהייט מיט אים אַ וואָרט צו טוישן, אָבער ער זיצט ווי פאַרשטיינערט, פאַרטראַכט אין זיך.

ווען דער פאָרהאַנג פאַלט אַראָפּ, כאַפּט ער זיך אויף ווי פון שלאָף.

ער גיט אַ קוק אויפן זייגער איבער דער סצענע.

— מ'נע, שוין שפּעט — קוועטשט ער צוזאַמען די ליפּן.

— וואָס זענט איר עפּעס אַזוי שלעכט געשטימט? — וווּנדערט זי זיך אַביסל פאַרדריסלעך.

— צו לאַנג געדויערט, מיד געמאַכט — רייסט ער פון זיך אַרויס איינצלנע ווערטער, ווי ער וואָלט גערעדט פון שלאָף, באַוועגנדיק מיט די צוויי דאַרע, בלאַסע הענט, ווי צוויי פלעדערווישן.

באַטראַכטנדיק זי, שוין אָן אָנגעטועטע אין פּאָקי־מאַנטל מיט דעם קליינעם סאַמעטענעם היטעלע, פון וועלכן ס'שלענגלט זיך עפּעס אַ לאָק איבער איר שטערן, ווי אַ קליינער סערפּ, נעמט ער שאַצן אין געדאַנק, וויפיל ס'קענען ווערט זיין אירע

קליידער, און ער טראַכט זיך: צי ער וועט זיך אַמאָל קענען דערלויבן אַ פּרוי אַזוי שיין אָנצוטון.

אויף דער גאַס גייען זיי שווייגנדיק, שטיל, מען הערט נאָר דאָס לייכטע קלאַפּן פון זייערע טריט.

פילנדיק זי נעבן זיך, קלערט ער, צי זי וואָלט אים גע־נומען פאַר אַ מאַן און צי וואָלט נישט אַמאָל כדאַי געווען צו געבן אַ טאַפּ דעם דופק?

— אויף דער היינטיקער פאָרשטעלונג זענט איר געווען דאָס שענסטע מיידל צווישן דעם גאַנצן טעאַטער־עולם — זאָגט ער און ווידער דרייט ער באַלד אַוועק דעם קאָפּ.

זי זוכט זיין בליק, כדי צו זען, צי ער זאָגט ערנסט אַרויס דעם קאָמפּלעמענט.

ס'קומט איר פאַר, אַז ער טוט דאָס גלאַט אַזוי, אָט ווי מען וואַרפט צו אַן אָרעמאַן אַ מטבע; אַ מינוט דערנאָך האָט ער שוין פאַרגעסן.

זיין קאָפּ איז פול מיט רעיונות; איצט גייט ער פון טע־אַטער, מאָרגן — ווידער צו דער אַרבעט; אָפּזיצן דעם גאַנצן טאָג ביי די טויטע ציפערן. אויפדערנאַכט ווידער זוכן אַ גע־לעגנהייט, ווי דורכצושטופּן אַן אָוונט, ווידער וועט ער קומען צו די זעלבע מענטשן, די זעלבע גאַסן, די זעלבע הייזער. עפּעס גייט יעצט נעבן אים אַ מיידל; מיט איר צוזאַמען, וואָלט ער זיך אפשר געקענט בויען אַן אָנגענעמע היים, אָבער אין דער מאַטעריעל־אומזיכערער לאַגע, ווי ער געפינט זיך, וואָלט עס דאָך געווען אַן אומזין. און ער דערמאָנט זיך, ווי שיין זי האָט היינט אויסגעזען.

— איר ברויכט קריגן אַ רייכן חתן — זאָגט ער.

— פאַרוואָס עפּעס אַ רייכן?

— ווייל איך פּאַסט צו זיין אַ סאַלאָן־דאַמע.

— איך שטרעב גאָרנישט אַזוי צו קיין רייכקייט — זאָגט זי — דער עיקר איז מענטשלעכקייט; איידלקייט פון אַ מאַן שטייגט אַלץ איבער.

ער איז שוין גרייט געווען צו פרעגן:

— און ווען אַזאַ־בחור ווי איך וואָלט געבעטן אייער האַנט? — נאָר אַן אומבאַוווסטע נישט־זיכערקייט האָט אים צו־ריקגעהאַלטן און ער רעדט, אָנקוקנדיק זי באַדייטנדיק:

— ווען איך געווין אַזוי אויף דער לאָטערי — — —

— וואָס וואָלט איר געטון? — פרעגט זי מיט אַביסעלע האַרצקלאַפּן.

— וואָלט איך אייך אויסגעבאָרגט, איר זאָלט זיך קענען קויפן וועלכן חתן איר וועט וועלן.

— וואָלט איר זיך דאָך אַליין געקענט קויפן אַ כּלה... — זאָגט זי אים שעלמיש.

אָבער ער ענטפערט נישט. ווידער גייט ער נעבן איר שטיל, אַפּאַטיש, פאַרטראַכט אין זיך.

„אַ רחמנות, אַזעלכע לייטישע מיידלעך — טראַכט ער זיך — זיי ווערן דאָך פאַרוויאַנעט, צוליב דער פאַרשאָלטענער עקזיסטענץ־פראַגע".

ער פאַרגעסט, אַז זי גייט נעבן אים, קריכט ער, וואָס־אַמאָל לאַנזאַמער, שעלטנדיק אין געדאַנק די גאַנצע וועלט, און צוקומענדיק נאָענט פאַר זיין טויער, קוקט ער אויטאָמאַטיש אויפן זייגער.

— וואָס, שוין צוועלף? — דראַפּעט ער זיך אונטערן אויער.

און קנייטשנדיק דעם שטערן אין דינע שלענגלען, פרעגט ער הכנעהדיק:

— איר האָט דאָך שוין נישט ווייט, אפשר וועט איר שוין אַליין אַהיימגיין?

ער הערט, ווי זי פּלאָנטערט מיט דער צונג:

— אוודאי וועל איך אַליין אַהיימגיין — וואָס בין איך עפּעס, אַ קינד?

ס'דאַכט זיך אים, אַז זי האָט זיך געפילט באַליידיקט און אַז ער האָט צוגעזאָגט מאָרגן מיט איר צו גיין אין קינאָ.

פונדערווייטנס הערט ער דעם עכאָ פון אירע לייכטע, אָבער שנעלע טריט

א פּאַרפּאָלק

ווען דער זייגער האָט געוויזן אויף צוויי, האָט זיך שוין יינה געריכט אויפן מאַן, אַרום האַלב-דריי קומט ער תמיד אויף מיטאָג.

זי האָט צוגעלייגט אויפן פייער, ס'זאָל זיין היימלעכער, לעבעדיקער אין שטוב, שנעל אויסגעגלאַנצט דעם דיל, זיך אָפּ-געוואַשן און שיין פאַרקעמט די האָר, אָנגעטון אַ העל-ריין וואַרטוכל, געדעקט דעם טיש מיט אַ ווייס סערוועטקעלע, אויס-געלייגט גאָפּל-מעסער און זיך אַוועקגעזעצט אַביסל אָפּאָטעמען נאָך דעם יאָגעניש.

זי פאַרזוכט אַביסל פון דער זופּ, וואָס זי האָט אָפּגע-קאָכט און באַלעקט זיך אַ צופרידענע. פון דעם גוטן מיטאָג, וואָס זיי וועלן היינט האָבן.

ווען דער מאַן איז געקומען, האָט ער גלייך נאָך דער באַגריסונג אַרויסגענומען אַ צייטונג פון טאַש און זיך פאַר-טיפט אין לעזן.

זי קוקט אים אונטער די אויגן, צי ער זעט נישט ליגן דעם שטויס וועש, וואָס זי האָט היינט אַליין אויסגעפּרעסט.

— פון וואָס שפּירט מען עפּעס אָנגעברענט? — ציט ער מיט דער נאָז.

— וואָס רעדסטו, וואָס איז אָנגעבערענט? — פרעגט זי א פאַרטזיענע.

— וואָס קלערסטו, כ׳שפיר מיך נישט? — ברוגזט ער זיך. איר שמייכל, מיט וועלכן זי איז אים אַנטקעגנגעקומען, ווערט ביי איר פאַרגליווערט און פאַרקרימט איר דאָס פנים.

— אַהאַ, מיין מאַן איז שוין אַהיימגעקומען אַן אויפגע־רעגטער — זאָגט זי, צוריקהאַלטנדיק איר אייגענע אויפרעגונג.

אַ מינוט קוקט ער זי אָן אָנגעבלאָזן, נאָר אַרויסצושרייען, אָבער ער כאַפּט זיך צוריק און זאָגט קאַטעגאָריש:

— כ׳בעט דיך זייער, לאָז מיך לעזן די צייטונג, און ברענג מיך נישט אַרויס פון דער רויִקייט.

אַן אָנגעכמורעטע דערלאַנגט זי דאָס עסן, זי גיט אַריין איין געריכט נאָכן אַנדערן, ער קוקט די גאַנצע צייט אַריין אין צייטונג.

„ווי אַ דינסט, נאָר צום קאָכן" — טראַכט זי זיך און רוימט אַראָפּ פון טיש, שטיל, נישט קוקנדיק אויף אים.

נאָך אַ לענגערע פּויזע פרעגט ער:

— ווען גייסטו נאָכן קינד?

זי ענטפערט נישט, ער חזרט איבער:

— גייסט באַלד נאָכן קינד? — און ווען זי רופט זיך ווייטער נישט אָן, דערנענטערט ער זיך צו איר מיט אַ שמייכל און פרעגט איר איבער צערטלעך: — ביסט עפּעס בייז?

— ניין! — זאָגט זי — כ׳האָב מיך שוין באַלד צוגע־וויינט דערצו, אַז ווען דו קומסט איבער דער שוועל, ביסטו אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע, נאָר צום פּלאַצן.

— כ׳ווייס גאָרנישט, וואָס דו זאָגסט — חנפעט ער זיך — כ׳האָב דיך מיט עפּעס באַליידיקט?

— וואָס עפּעס באַליידיקט? מען זאָל כאָטש בעת דעם עסן אַ וואָרט אויסרעדן?

— וואָס זאָל איך טון? אַז די צייט פון עסן איז ביי מיר די איינציקע פרייע מינוט אַריינצוקוקן אין די שוואַרצע אותיות.

— איך אייל מיך דעם גאַנצן טאָג, יאָג פון מיר די קישקעס אַרויס, און ווען דער מאַן קומט שוין אַהיים, זיצט ער ווי אַ מומיע.

— זעסט דאָך, ווען כ'בין פאַרטיק געוואָרן מיטן לערנען, האָב איך צייט אַ פלוידער צו טון — צערטלט ער איר.

ווען ער איז שוין אָנגעטון אין פּאַלטן צוריקצוגיין צו דער אַרבעט, רופט זי אים צו:

— וואַרט, כ'גיי נאָכן קינד, מיר גייען צוזאַמען אַראָפּ.

צוריקקומענדיק פון דער שול מיטן קינד איז שוין טונקל אין שטוב. זי האָט זיך ווידער געמוזט נעמען צו דער קיך דעם קינד אויפוואַרעמען דאָס עסן. זי טוט דאָס גערן אָבער שווער, מיט אַ ווידערווילן. „דעם גאַנצן טאָג נאָר ביי דער קיך", קרעכצט זי צו זיך אַליין.

דער קליינער פרעגט שאלות, וועלכע מוזן פאַרענטפערט ווערן.

דער קאָפּ איז שווער ווי בליי, ס'וויל זיך אַביסל אָפּרוען.

דער קליינער שפּרינגט אַרום, קלאַפּט אַרום מיט זיינע שפּילזאַכן, אַז דער מוח פּלאַצט.

— זיי אַביסעלע שטילער, מאָניעקל — בעט זי זיך ביים קינד — ווען דער טאַטע וועט קומען, וועט ער זיך מיט דיר שפּילן.

אַ מינוט בלייבט דאָס קינד שטיל, אָבער באַלד הייבט ער אָן נאָך שטאַרקער אָנגעבן, ער שפּרינגט אַרויף אויף אַ שטול, שפּרינגט אַראָפּ, זי שרעקט זיך, ער זאָל נישט פאַלן. זי ווערט

פארטומלט, אלע ווײלע קוקט זי אויפן זײגער, ווען דער מאַן קומט שוין פון דער אַרבעט, זי זאָל אַביסל אָפּעטעמען.

און ווען דער פאָטער איז אַהײמגעקומען, איז דאָס קינד אים אַנטקעגנגעלאָפן, זיך מיט אים ארומגעכאַפּט.

אָבער דער פאָטער קוקט אויף דער קיך, צי דאָס אָוונט־ברויט קאָכט זיך.

— כ׳מוז שנעלער עסן — זאָגט ער תמימותדיק — מיר זענען אײנגעלאַדן אויף אַ זיצונג אין פאַרײן.

דינה גײט צו צו דער קיך, וואַקלענדיק זיך ווי אַ שיכּורע און שווער, ווי בײ אַ געבונדענע, רירן זיך אירע הענט און זי פרעגט איבערן רוקן:

— וואָס עפּעס פּלוצים אַ זיצונג?

— ס׳איז נישט פּלוצים, כ׳האָב דיר נאָר פאַרגעסן צו זאָגן.

— און אַז דו וועסט נישט גײן?

— ווען אַלע וועלן אַזוי זאָגן, וועט דאָך קײנער נישט קומען?

זי באַהערשט זיך צו ענטפערן, מורא־האָבנדיק, אַז ס׳וועט אַרויסקומען צו שאַרף.

ער נעמט דערווײל זיך שפּילן מיטן קינד. דער קלײנער סילאַביזירט, מאָלט, דערצײלט מעשהלעך פון שול.

— ס׳וועט נאָך לאַנג דויערן? — בעט ער זיך — כ׳מוז דאָך גײן.

— איך גײ אויך — זאָגט דינה, אין אָנפאַנג רויק, אָבער מיט שטײגערונג — כ׳וועל נישט זיצן תמיד אַלײן! — שרײט זי שוין אויף דער העכסטער אָקטאַווע.

— ס׳קומען דאָך באַקאַנטע, דו זיצסט דאָך נישט אַלײן.

— איך וויל פאַרברענגען מיט מיין אייגענעם מאַן, נישט מיט קיין באַקאַנטע.

— איך וועל מיך נישט אָפּרייסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן צוליב דיר! — שרייט ער זי איבער.

ס'איז געגאַנגען וואָפּאַמאָל העכער. די צייט איז דערווייל געלאָפן.

— איך בין אויך אַ מענטש! — שרייט זי מיט אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן, ווי זי וואָלט גערעדט פון היץ — איך וויל אויך האָבן אַ פרייע שעה.

און דעמאָנסטראַטיוו האָט זי זיך געזעצט לייענען אַ ביכל.

דער קליינער בעט דעם פאָטער, ער זאָל אים עפּעס דער־ציילן, דער פאָטער רעזיגנירט שוין פון גיין, און מיט אַ רויקייט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, נעמט ער זיך שפּילן מיטן קינד.

ער רעדט ספּעציעל אַזעלכעס, וואָס זאָל ביי דער מוטער אַרויסרופן אַ שמייכל.

— זאָג דער מאַמעליו, אַז דעם טאַטן הונגערט און ער קען זיך אַליין נישט נעמען עסן — זאָגט ער צום קינד.

אָבער די מוטער זיצט סטאָיש איבערן ביכל, ווי אַ סטאַטוע.

נאָך אַ לענגערע צייט, ווען ער האָט שוין באַמערקט אַ מידיקייט אויפן ווייבס פּנים, זאָגט ער:

— לייג שלאָפן ס'קינד.

— קענסט אים אויך אַמאָל לייגן, ער איז דיין, אַזוי גוט, ווי מיין — ענטפערט זי מיט רוגזא.

— וואָס נאָך ווערסטו פון מיר וועלן? איך פאַריין נישט זיין, דאָס קינד לייגן שלאָפן, פאַרקויפן די הענט דעם פאַר־

עקלטן בעל־הבית — אפשר זאָל איך דיר נאָך אָפּווישן די נאָז
אויך?! — שרייט ער שוין הויך.

— מוזט וויסן, אַז ווען אַ מענטש זיצט דעם גאַנצן טאָג אַליין — רעדט זי רויק — און אַרבעט אָנגעשטרענגט, איז מען אין אָוונט שוין גוט מיד. אויך קען מען נישט תמיד זיין אַליין.

פילנדיק, אַז איר טענה איז אַ גערעכטע, נאָר, אַז ער איז נישט שולדיק, האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פאַרטראַכט אין זיך.

די מוטער מיטן קינד האָבן זיך געלייגט שלאָפן, ער איז געבליבן זיצן אין דער שטוב, גאָרנישט טראַכטנדיק.

פון דעם ענגן שלאָף-צימער איז צו אים דערגאַנגען דאָס לייכטע עטעמען פון זיינע צוויי נאָענסטע, זיין מוח איז געוואָרן פילבאַר, ער האָט געהערט דעם לייכטסטן רויש פון צווישן די מויערן, דאָס שטילע כראָפּען פון דער צווייטער שטוב האָט אים איינגעוויגט. ווי אַ וויזיע האָט פאַר אים פאַרבייגעשוועבט דער פאַרגאַנגענער טאָג, ער האָט אַלץ דייטלעך געזען, ווי אויף אַ קינאָמאַטאָגראַפישער טאַשמע, ווי דאָס ווייב לויפט זוכן עפּעס ביליקער און ווי זי טראָגט אַהיים שווערע קוישן פון ווייטערע שטחים; ווי זי איילט זיך, און ווי זי וויל אַלץ פאַר־שענערן און פאַרביליקערן; ער האָט געזען זיך, ווי ער שטייט ביי דער אַרבעט ביי אַ באַלעבאָס, אַ פּוילענצער, וועלכער טוט גאָרנישט, אָבער האָט תמיד טענות, און ווי ער פאַרלאָזט די פאַבריק אַ דענערווירטער, אַ באַליידיקטער פון זיין ברויטגעבער.

— אפשר האָט מיין ווייב רעכט — זאָגט ער צו זיך — אַז איך בין כּסדר אַן אָנגעצויגענער, אָבער זי מוז דאָך וויסן, אַז איך מוז תמיד פאַרשטיין, וואָס דער נאַר האָט אין זין, אַז איך מוז טאַנצן לויט יענעמס מוזיק, און דאָס דערדריקט מיך.

שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַריין צו זיי. דער רויטער

אַבּאַזשור האָט אַרום זיך אַלץ איינגעהילט אין אַ רויטלעכער פאַרב.

דעם קליינעמס קעפּעלע האָט אַרויסגעשיינט פון ווייסן בעטגעוואַנט, ווי אַ רויט ווינטער-עפּעלע; די ליפּלעך — ווי מאַלינעס; זיין ווייסע הויט איז כמעט דורכזיכטיק.

אין אַנדערן בעט, וועלכעס שלאָגט פון זיך מיט וואַרעמקייט, ליגט דינה, די שוואַרצע האָר צעפּאַטלט איבער אַ האַלב קישן, די שוואַרצע לאַנגע וויעס אַראָפּגעלאָזט אויף די רויט-פאַר-פלאַמטע באַקן.

ער טוט זיך אויס שטיל, זעצט זיך בײַ איר אויפן בעט, רירט לייכט אָן איר אָפּגעדעקטן אָרעם, זי עפנט אויף די אויגן, וועלכע גלאַנצן, ווי סאַמעטענע פלוימען.

ווי זי דערזעט דעם מאַן נעבן זיך, צעציט זיך איר פּנים אין אַ קינדערישן שמייכל, די ליפּן באַהויכט מיט דעם רויטן שיין, עפענען זיך אויף און שטרעקן זיך אויס אויפצונעמען אַ קוש, ווי אַ רויז אום מײַ אַנטקייגן דער זון.

זיי ארבעטן צוזאמען

געווען איז עס אין דער אינפלאַציע-צייט, ווען מען האָט געציילט אין טויזנטער, הונדערט-טויזנטער, מיליאָנען, מען האָט געשריבן וועקסלען, דאָס געלט האָט פאַרלוירן דעם ווערט, אַ חוב האָט גאָרנישט געלוינט אָפּצונעמען, ווייל ס'איז גאָרנישט געוואָרן דערפון.

דעמאָלט האָט זיך בערנאַרד געווענדט צו דער חברטע בראָניע:

— איך וועל אייך צאָלן איבער דעם טאַריף, איך וויל נישט מאַכן קיין גליקן — זאָגט ער — נאָר כ'קען נישט פאַרקויפן מיין שוויס פאַר גראָשנס.

און בראָניע איז מרוצה געוואָרן.

איין מאַשין האָט שוין בערנאַרד פון לאַנג געהאַט שטיין אין דאַך-שטיבל, אַ צווייטע האָט ער גענומען אויסצוצאָלן.

געאַרבעט האָט מען גלייך, בערנאַרד, זיין פרוי און חברטע בראָניע. זי האָט געקריגן אַלע וואָך געלט, אַ סך מאָל איז איר אויסגעקומען צו אַרבעטן איבערשעהן, איז זי פרייטיק אַהיים-געגאַנגען מיט אַן „אַפּותּיקא."

טאָמער האָט זי זיך אַמאָל אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן לענגער, האָט בערנאַרד זי כמעט ווי געצוווּנגען.

— איך מוז פאַרטיק מאַכן אויף יום-טוב — רעדט ער

הויך — אויב איר ווילט נישט צואַרבעטן, חברטע בראָניע, וועל איך זיין געצוווּנגען צוצונעמען נאָך אַ מיידל, די אַרבעט קען נישט אויפגעהאַלטן ווערן.

און ער האָט צוגענומען צוויי האַנטגייערקעס, מען האָט געאַרבעט צוזאַמען, פאַרברענגט אין איין געזעלשאַפט, געגאַנגען צוזאַמען אין איין טעאַטער.

בערנאַרד האָט זיך ביסלעכווייז אַריינגעטעלט ביי מעבל.

— ס׳קומט אַריין אַ סוחר, פאַסט נישט אַזוי צו ווינען — האָט ער געזאָגט, און געטריבן — מען ברויכט געלט, געלט — האָט ער געטומלט.

— בראָניע, אַרבעט! — שרייט ער, און ווען דער טאָן איז ביי אים אַרויסגעקומען אַביסל צו שטאַרק, האָט ער גענומען שאַרזשירן אַ שלעכטן באַלעבאָס, האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ באַס-שטים:

— אַרבעטס, איך צאָל אייך! ווען אַלע האָבן דערפון געלאַכט, האָט ער נאָך שטאַרקער געריטשעט, ווי אַן אָקס: — אַרבעטס, פוילענצער!!

ער האָט שנעל געפרעסט, געקלאַפט מיט דעם אייזן, אַלע האָבן זיך געאיילט, מען האָט געאַרבעט אין אַן אייגענער סביבה.

אין דעם שטיבל איז געוואָרן ענג. די גרויסע נאַפט-לאָמפ האָט פון זיך געגעבן אַ שלעכטן ריח, דאָס פרעס-אייזן האָט געהיצט, איינער האָט געשטערט דעם אַנדערן.

— אומעטום אָנגעלייגט — באַקלאָגט זיך די באַלעבאָסטע — מיר מוזן האָבן אַ גרעסערע וווינונג, אַלץ אין איין שטוב.

די מיידלעך האָבן צוגעגעבן, אַז זי האָט רעכט, אַלע האָבן מיט איבערגעגעבנקייט צוגעהאָלפן פאַנעווען וועגן אַ באַקוועמערן לאָקאַל.

מען האָט בראָניען אָראָפּגענומען פון לוין.

— געשעפט איז נישט קיין פילאַנטראָפּיע — זאָגט בערנאַרד — בין איך אַ מייסטער, מוז איך אַזוי האַנדלען, ווי דאָס לעבן פאָדערט.

איז געווען וויניקער צו טון, האָט מען אַליין געאַרבעט, בערנאַרד מיט דער פרוי.

די מיידלעך האָבן דערווייל אַרומשפּאַצירט.

יאָרן זענען געלאָפן, בראָניע האָט ביי בערנאַרדן געאַרבעט יעדן סעזאָן.

בערנאַרד וווינט שוין אין צווייַ שטיבן און אַ קיך מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

ער שעמט זיך נישט, צו טרייבן און אַרויסצויאָגן די נשמה.

— מען מוז פאַרטיק מאַכן אַכצן קליידער אַ טאָג! — שרייט ער — אַז נישט בין איך באַנקראָט.

די פרוי דענערווירט זיך:

— צו וואָס ברויך איך דעם גאַנצן טאַראַראַם? — קלאָגט זי פאַר די מיידלעך — אַז איך מוז סיי־ווי אַזוי שווער האָרעווען.

בראָניע טרעט ווייטער די פּעדאַלן פון דער ניי־מאַשין.

זעקס רעדער הוזשען דעם גאַנצן טאָג, אַכט האַנט־נייערקעס, זעכצן הענט נייען, בענדלעך, קנעפּלעך, קראַגנדלעך.

בערנאַרד, אין אַ זיידן אויבערהעמד, שניידט דעם שטאָף אין הויכע שטויסן, פּרעסט מיט אַן עלעקטריש פּרעס־אייזן. תמיד אַן אומצופרידענער.

— איך האָרעווע און האָרעווע, און וואָס האָב איך דערפון? אַריינגעפּאַקט אַלץ אין דער ווינונג.

דאָס ווייבל באַקלאָגט זיך:

— מיין קינד מוז דערצויגן ווערן פון אַ דינסט, איך בין פאַרשאָלטן תמיד צו אַרבעטן.

בשעת די באַלעבאָסטע רעדט, באַטראַכט בראָניע איר גווידער און אירע פעטע שמאַלץ-פינגערלעך. זי קוקט אַריין אין קליינעם שפּיגעלע און באַטראַכט איר אייגן אייגנאַרטיק פּנים.

— די אַנדערע וואָך נעם איך אורלויב — זאָגט זי.

— צאָלן פּאַרז אורלויב, וועל איך נישט — דערקלערט בערנאַרד.

— דהיינו, וואָס איז היינט ערגער, ווי אַלע יאָר?

— ערשטנס — ענטפערט בערנאַרד געלאַסן — איז היינט אַ גרויסער קריזיס, שווער צו קריגן אַ גראָשן; צווייטנס צאָלט היינט קיינער נישט מער פאַר קיין אורלויב.

בראָניע פילט, ווי די הענט ווערן ביי איר שווער אירע באַקן צעפלאַמען זיך, ווי ברענענדיקע רויטע קוילן.

— איר ברויכט דאָך נישט צו קוקן, וואָס אַלע טוען, ווייל איר זייט דאָך עפּעס אַן אַנדערער, איר ווילט דאָך נישט זיין קיין עקספּלאָאַטאַטאָר — רעדט זי געקרענקט, און זי ווערט בלייך.

— איך וועל דיר נאָך עפּעס זאָגן — מישט זיך אַריין די באַלעבאָסטע — וואָלסט געאַרבעט אַ גאַנץ יאָר, וואָלסטו געקריגן אורלויב אויך.

— דאָס הייסט, ווייל איר שיקט מיך אַהיים, ווען ס'איז דאָ שוואַכער צו טון, און איך פאַרדין דעמאָלט נישט, דערפאַר מוז איך יעצט פון די דערגרייכטע באַדינגונגען אויך היזק האָבן.

— איר האָט די ברירה אײנגאַנצן נישט ביי מיר צו אַרבעטן — שרייט הויך בערנאַרד, מיט אַ פּאָר אַרויסגע-זעצטע אויגן.

— איר וואַרפט גאָר שנעל — שרייט בראָניע איינגעהאַלטן.

און זי קוקט זיך גוט אַרום איבער די שיין-איינגעאָרדנטע צימערן און רעדט ווייטער, שוין רויקער:

— איך וועל מיר קיין מאַיאָנטעק נישט קויפן, אַפילו ווען

איר וועט מיר יאָ באַצאָלן פאַר דער וואָך; איך וויל אייך נאָר דערמאָנען, אַז איר האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען, איר ווילט קיין גליקן נישט מאַכן.

— אפשר ווילסטו, מיר זאָלן זיך מיט דיר טיילן? — שפּרינגט די באַלעבאָסטע בראָניען אין די אויגן אַריין — אַז דו ביסט אַ שלים-מזלטע, ווער איז דיר שולדיק? אַרבעט אויך אַזוי, ווי מיר!...

— איך וואָלט אייך אַלעמען אַרויסגעוואָרפן! ווען איך מיט מיין ווייב אַרבעטן אַליין, וואָלטן מיר מער פאַרדינט — שרייט בערנאַרד, גייענדיק איבער דער שטוב מיט ברייטע שפּרייזן — כ'מוז אייך נאָר האַלטן, ווייל די אַרבעט יאָגט.

בראָניע פילט, ווי זי ווערט באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. זי וואָלט געוואָלט פאַרמאַכט די טיר פון יענער זייטן און אַ פעסטן שפּיי געטון, שוין די שוועל נישט מער איבערצוטרעטן.

אויפן אַנדערן טאָג זיצן ווייטער אַלע מיידלעך און נייען. בראָניע זיצט קיינגנאיבער דער באַלעבאָסטע, זיי טרעטן מיט די פיס און די רעדלעך דרייען זיך.

זי געדענקט נאָך דעם נעכטיקן סכסוך.

די פיס ווערן ביי איר שוואַך, אין קאָפּ שווינדלט, די הענט פירן לאַנגזאַם דעם דינעם שטאָף איבער דער מאַשין.

— בראָניע, רירט מיט די הענט! — שרייט אַריבער בערנאַרד — אַ קוק ווייניקער און אַ שטאָך מער!

אנטוישט

I

ווען דער צוג האָט געריכט פון אָרט, און זיינע נאָענטע האָבן זיך גערוקט אַלץ ווייטער פון זיין בליק, האָט ער ערשט דערפילט, אַז ער פאַרלאָזט זיינע אייגענע אויף אייביק, אַז ער פאָרט אין אַ פרעמד לאַנד.

וואָס נעענטער ער איז געקומען צו דער גרענעץ, אַלץ מער האָט ער זיך געפילט אומרויִק.

איצט רעכנט ער ערשט איבער, אַז ער פאָרט צו אַ מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָר געקענט צוויי וואָכן.

— ווי וועט זיין, אַז ס׳וועט נישט אמת זיין דאָס אַלץ, וואָס זי האָט מיר דערציילט? — קומט אים אַ געדאַנק, אָבער ער ענטפערט זיך באַלד:

— איך דערקען דאָך אַ מענטש שנעל; זי קען דאָך קיין ליגנט נישט זאָגן.

מיט דעם גערויש פון די רעדער זענען זיינע געדאַנקען געלאָפן אין איין טאַקט. דאָס פאָרן האָט אים געשרעקט און געפרייט.

— דאָס, וואָס זי האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן מיין שטעטל, איז מיר שוין אַלץ ווערט — טרייסט ער זיך.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין בערלין, האָט אים

די גרויסע באַוועגונג, וועלכע איז פאַר אים געווען פּו״עמד, אינגאַנצן באַרוישט.

דער גרויסער באַנהויף מיט זיינע פּילצאַליקע טונעלן, מיט דעם שטאַרקן געפּילדער, האָט אים אויפגעמונטערט.

זיין מיידל האָט אים אָפּגעוואַרט ביים צוג.

און פאָרנדיק אין אויטאָ איבער די ברייטע, אַספאַלטירטע בערלינער גאַסן, ווו די גרויסע געשעפט-הייזער האָבן פאַר אים פאַרבייגעשוועבט מיט זייערע שטאַרקע רעקלאַמעס, האָט ער אַ צופרידענער, אַ גליקלעכער, זיך געטוליעט צו איר.

נאָר צוקומענדיק נענטער צום הויז, ווו זיין מיידל וווינט, האָט ער זיך געוווּנדערט:

— הלמאי זעט מען אין בערלין אַזעלכע יידלעך מיט אויסגעדאַרטע פּנימער און בערד?

אַריינקומענדיק אין דער וווינונג, באַגעגנט אים אַ יידענע, אַן אמתע יידישע, וועלכע רעדט אויף מאַמע-לשון, אַזוי ווי ביי אונז.

באַלד קומט זיין כּלהס פאָטער, אין אַ סוועטער, אַ צעצויגענעם, מיט אַ פּאָר פאַרסמאַליעטע הענט און רוקט אים אַריין פינף פאַרדאַרטע פינגער, ווי וווּרצלען.

— שלום-עליכם! וואָס הערט מען אין וואַרשע?

— וועסט אים שפּעטער פרעגן, טאַטע — מישט זיך אַריין זיין מיידל.

ס׳באַווייזט זיך אירס אַ יינגערע שוועסטער, אַ בלאָנדע, מיט פלאַקס-האָר; אַן אָפּגעפּודערטע, מיט רויטע ליפּעלעך, ווי מאַלינעס; אַ שלאַנקע, אַ בויגעוודיקע, מיט אַ פּאָר העל-גרויע אויגן, ווי ביי אַ קאַץ.

זי רעדט עפּעס נישט-יידיש, נישט-דייטש.

— קאָם אַריין, פּאַטער, ס׳איז דאַ אַ קונה! — זאָגט זי, רופנדיק דעם פּאַטער.

נאָך אַ קורצער צייט איז ער שוין געוועזן איינגעהיימישט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זיין מיידל האָט נישט קיין אייגענע דירה, נאָר זי האָט געלט אויף אַ וווינונג, און אַז זי אַרבעט שותפות מיטן פּאַטער.

— פיר מיך אַריין אין געשעפט — בעט ער זיך ביי איר מיט אַ צוריקגעהאַלטענער בייגיריקייט.

— אייל זיך נישט, וועסט נאָך באַווייזן צו זען — ענט-פערט זי אים מוטערלעך.

אים וווּנדערט, וואָס זי וויל אים נישט אַריינפירן אין געשעפט, פון וועלכן זי האָט אים אין וואַרשע אַזויפיל דערציילט.

— כ׳בין בייגיריק — זאָגט ער.

זי שמייכלט אים אין די אויגן אַריין, נעמט אַ שטיקל שאָקאָלאַד צווישן אירע ציין, און ווייזט אים אָן, אַז ער זאָל איינבייסן אין דער אַנדערער זייט.

און ווען זיי שטייען אין אַ פויזע, ווי צוויי טויבן, צו-זאַמען מיט די שנאָבלען, גראָזשעט זי אים מיט אַ פינגער אין פנים אַריין:

— מען טאָר נישט בייגיריק זיין, אַזיסטן ווערט מען צו-פרי גראָ.

ער ווערט אַביסל צעטומלט און ער פילט, אַז ס׳איז עפעס נישט גלאַטיק.

פאַרנאַכט זענען זיי אַרויס אין גאַס אָנקוקן בערלין.

— ווו שפּילט גראַנאַך? מיר וועלן אפשר גיין אין טעאַטער?

— וועלכער גראַנאַך?

— אַלעקסאַנדער גראַנאַך!

— ווער קען אים? — זאָגט זי פאַרדריסלעך — מיינסט, אַז מיר קענען דאָ אַלע אַרטיסטן?

— ער איז דאָך אַ ייד?!

— מיר גייען נישט אין יידישן טעאַטער.

ער שפילט דאָך אויף דער דייטשער בינע! מיר, אין פוילן, ווייסן פון אים, און דו ווייסט נישט?

ער האָט געפילט עפּעס אַ פּרימיטיווע הוצפּהדיקייט אין איר רעדן, אָבער ער האָט דאָס געפיל אין זיך דערשטיקט, ווי מען שלינגט אַראָפּ אַ שלעכטע פּיל.

ווען זיי זענען צוריק אַהיימגעקומען, איז די שטוב שוין פול געווען.

יינגעלייט מיט סעמיטישע פּנימער, גאַליציאַנער, רומענער, רוסן; איינער האָט געמאַכט פּאָקוסן, אַן אַנדערער האָט גערעדט וועגן סוחרישקייט.

באַלד האָט מען אויפגעשטעלט אַ פּאַטעפאָן און מען האָט זיך גענומען טאַנצן.

די ייִנגערע שוועסטער האָט זיך געפילט, ווי אַ פיש אין וואַסער. זי איז געשוווּמען פון איין יינגנמאַן צו אַ צווייטן; געטאַנצט טשאַרלעסטאָן; געבויגן זיך צום טאַקט, אין די אָרעמס פון איר פּאַרטנער, אין איין טראָט, ווי זיינס אַ שאָטן.

ס'איז אים געוואָרן אומעטיק, ביי אים האָט דאָס אויסגעזען, ווי אויף אַ פּויערישער חתונה.

— איר ווייסט נישט, אין וועלכן קאַפע ס'קומט זיך צוזאַמען די יידישע ליטעראַרישע באָהעמע? — פרעגט ער איינעם אַן עלעגאַנט-געקליידעטן בחור.

— די יידישע ליטעראַרישע באָהעמע? — פרעגט יענער איבער. ס'דערקענט זיך, אַז ער הערט דאָס צום ערשטן מאָל.

זיין מיידל פילט זיך נישט גוט. זי פֿאַרשטייט, אַז דאָס האָט צו טון מיט עפּעס ליטעראַרישעס.

— מאָרגן וועלן מיר שוין געוואָר ווערן — זאָגט זי אים.

ער פילט זיך איינגאַנצן אַן איינזאַמער צווישן דער געזעלשאַפט.

— אַזוי לעבט מען אין דייטשלאַנד? — פרעגט ער איר מיט אַ שטילן פֿאָרוווּרף.

— דער היינטיקער טאָג איז גראָד נישט קיין געלונגענער, אַן אַנדערשמאָל איז אינטערעסאַנטער — זאָגט זי, צוטוליענדיק זיך צו אים.

— כ׳בין מיד פון דער רייזע — רוימט ער איר איין אין אויער — ווי וועל איך מאָרגן אויפשטיין?

זי טראַכט אַביסל פאַרלעגן.

— ווייסטו וואָס? — זאָגט זי, באַמיענדיק זיך וואָס שענער צו רעדן — וועסט מיטגיין מיט אַבראַמען!

— און ביי דיר קען איך נישט?...

זי קנייטשט גנביש צו איין אויג און בייגט קרום דעם קאָפּ, שטעקט אַרויס אַ שפּיצעלע פון דער צונג און פירט דער-מיט איבער די ליפּן — פון לינקס אויף רעכטס און ווידער צוריק, ווי אַ קינד, ווען ס׳רייצט זיך מיט עמעצן, און זאָגט אים דיסקרעט, פילדייטיק:

— זי האָבן קיין צייט, מיין הער?...

— וואָס פאַרשטייסטו דערמיט?

ער באַמיט זיך פון איר אַרויסצוקריגן אַן ערנסט וואָרט, אָבער זי האַלט זיך אין איר קאָקעטער שטימונג, און ווילנדיק, נישט-ווילנדיק האָט ער איר געפאָלגט.

ווען ער איז שוין געלעגן אויפן בעט, האָט ער ערשט געקענט פריי לאָזן זיינע געדאַנקען.

— אין וואַרשע איז ביי איר יעדעס וואָרט מיינס געווען הייליק, און דאָ פיל איך, אַז איך וועל אויף איר קיין השפעה נישט האָבן — זאָגט ער זיך.

— און ווי זענען אירע אינטערעסאַנטע באַקאַנטשאַפטן, פון וועלכע זי האָט אַזויפיל גערעדט?

II

אינדערפרי, ווען ער איז נאָך געלעגן אין בעט און זיין שכן איז שוין געווען אין גאַס, דערהערט ער אַ לייכט קלאַפן אין דער טיר און איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיך אָנצורופן, קומט אַריין זיין מיידל.

זי איז אָנגעטון אין אַ קורץ-זיידן פאַלדן-קליידל, העל-בלויען הוט, צוגעפּאַסט צו דער פאַרב פון אירע אויגן.

זי האָט זיך געזעצט קייגנאיבער דעם בעט.

איר זיידנבאַזאָקטער פוס גלאַנצט ביז איבער דער קני.

— גוט געשלאָפן? — פרעגט זי אים שמייכלדיק און שטעלט אַרויס אירע ווייסע, פערלדיקע ציין.

ער בעט זי זעצן ביי זיך אויפן בעט, לייגט אַריף איין האַנט אויף איר שויס, מיט דער אַנדערער נעמט ער אַרום איר טאַליע.

— האָסטו דיך אין וואַרשע נישט געהאַלטן אַנדערש צו מיר, ווי דאָ, אין בערלין? — פרעגט ער שטיל, אָך אַ לאַנגע פויזע.

— וואָס פעלט דיר עפּעס איין, מיין איינציק ייִנגל? — פּאַטשט זי אים לייכט אין באַק, שטראָפנדיק.

— עפּעס דאַכט זיך מיר.

— אין געגנוואַרט פֿון אַלטע באַקאַנטע קען מען זיך דאָך נישט ווייזן, אַז מען איז פֿאַרליבט איבער די אויערן... — זאָגט זי, צובייגנדיק איר קאָפּ נאָענט צו זיינעם — אָבער ווען מיר וועלן זיך נאָר איינאָרדנען, וועסטו זען...

ער נעמט אַרום איר האַלז, און ווי אַ קינד גראָבט איין די ליפּעלעך אין דער מוטערס ברוסט, אַזוי גראָבט ער איין זיין קאָפּ אין איר ווייכן בוזעם.

אַ קנעפּל פֿון איר בלוזקע איז אַראָפּגעפֿאַלן און קאָלערט זיך אויפֿן דיל אין אַ טאַנצנדיקן רעדל.

די זון באַגיסט מיט שטראַלן די בלומען, וועלכע שטייען אויפֿן פֿענצטער, און די קנאָספּן האָבן זיך געעפֿנט, ווי בעכער-לעך, זיך אָנצוטרינקען מיט זומער-ווייַן...

געפּרישטיקט האָבן זיי אין אַ קאָנדיטאָריי און מען איז אַוועק אין געשעפֿט אַריין.

זי האָט אים אַריינגעפֿירט אין אַ גרויסער קעלער-שטוב.

ביים ערשטן אַריינקום האָט ער גאָרנישט געקענט זען, ווייל אַ געדיכטע פֿאַרע, ווי אַ נעפּל, האָט אַלץ און אַלעמען פֿאַרהילט.

ביסלעכווייז האָט זיך זיין אויג צוגעוווינט.

אויף דער ערד, אין אַ ווינקל, איז געלעגן אַ קופּע אַלטע קאַפּעלושן, און אויפֿן טיש זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט הילצערנע קעפּ אין פֿאַרשידענע גרויסן.

ביי אַ גרויסן קעסל, אָנגעפֿילט מיט עפּעס אַ געדיכטער פֿליסיקייט, שטייט איר פֿאָטער און מישט.

איבער דער שטוב האָט זיך געפֿילט פֿון אָנגעברענטן קליי.

דערזעענדיק דאָס, האָט ער פֿאַרלוירן די שפּראַך פֿאַר אַנטוישונג.

זי האָט דערקענט, אַז ער איז צעטומלט, באַמיט זי זיך צו האַלטן מונטער און אויף אים צו ווירקן.

— זע נאָר, וואָסער שיינע פּאַסענער מיר אַרבעטן אויס — זאָגט זי.

און זי ווייזט אים אַ פּאָר פריש-פּאַסאָנירטע קאַפּעלושן.

זעענדיק אַ שטיקל ריינע סחורה, איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו האָסט אַ דאַמען-הוט-געשעפט — זאָגט ער.

— מיר פּאַסאָנירן אויך דאַמען-היט — ענטפערט זי געשעפטסמעסיק.

אויף זיין שטערן ווערן די אָדערן אָנגעשוואָלן, ווי ריי־מענדלעך, נאָר ער באַמיט זיך צו זיין רויק.

— דאָס איז דאָס הוט-געשעפט? — זאָגט ער מיט איראָניע.

— דאָס טראָגט מער, ווי אַ דאַמען-מאָדע-פירמע — מישט זיך אַריין דער פּאָטער — עך האָב שוין חתונה-געמאַכט אַ טאָכ־טער פון דעם פּאַרדינסט, און האָב שוין אָנגעזאַמלט אַ נדן פאַר דער צווייטער אויך.

— מיר וועלן דאָס קענען פּאַרקויפן — זאָגט זיין מיידל — ווען דו וועסט נאָר געפינען אַרבעט ביי דיין פאַך.

ער האָט זיך געפילט אַנטוישט; מיט איינמאָל זענען אים אַלע חלומות צעשוווּמען. מיט אַ צוריקגעהאַלטענער אויפרעגונג פרעגט ער איר:

— האָסט גאָרנישט געשווינדלט? האָסט אַלץ געשילדערט אַזוי ווי ס'איז?

— וואָס געפעלט דיר אייגנטלעך נישט? — רעדט זי צו אים מיט אַ שמייכל, באַמיענדיק זיך אים צו באַרויקן.

— כ׳מוז דיר זאָגן, אַז איך בין אַנטוישט אויף דער גאַנ-
צער ליניע — ענטפערט ער בייז.

— אין מיר ביסטו אויך אַנטוישט? — פרעגט זי אים,
צוגייענדיק גאַנץ נאָענט.

זי לייגט אַרום אירע אָרעמס אַרום זיין האַלז. ער וויל
זיך באַפרייען, אָבער זי האַלט אים פעסט.

דערפילנדיק איר נאָענטקייט, ווערט ער שוואך און ער
זאָגט אין אַ שטיפעריש-בייזן טאָן:

— אין דיר בין איך נישט אָפּגענאַרט, מיין מיידל, נאָר
אין די יום־טבֿדישע גליקן בין איך שטאַרק אַנטוישט...

מאָטל און מאָניעק

אַ טונקעלע פײַכטקייט שוועבט איבער דער קעלער־שטוב, אויף די ווענט רינען פּאַמעלעך איינצלנע טראָפּנס, ווי טרערן, און אינדערזייט ביי דער אָפּגעקאַלכטער קיך, וווּ די זון קומט קיינמאָל נישט צו, וואַקסן אַרויס שימל־שוואָמען.

תּמיד שפּירט זיך דאָרט שווייס, ברודיקע וועש און פאַר־פוילטע קאַרטאָפל.

מאָטל זיצט אויפן פענצטער און קוקט אַרויס אויפן הויף; אַלע ווײַלע דרייט ער אום דעם קאָפּ צום שוועסטערל, וואָס ליידט אויף דער „ענגלישער קרענק״.

יעדעס מאָל, ווען זי כאַפּט אויף אַ בליק פון איר ברו־דערל, צעשמייכלען זיך אירע העלע אייגעלעך; זי גיט אַ דריי מיטן בלאָנדן קעפּל, ציט אויס אירע דאַריע הענטלעך, ווי צוויי האָלץ־שפּענדלעך, אַט וויל זי זיך אויפהויבן, נאָר דער אָנגע־בלאָזענער בויך שלעפּט זי צוריק צום שמוציקן בעטגעוואַנט, וווּ זי זיצט.

— שלאָף! — רייסט זיך פון אים אַרויס אַ געשריי.

ער וויל זיין גאַנצן כעס אויסלאָזן צום קינד.

איבער איר מוז איך זיצן אין שטוב, טראַכט ער זיך.

ער זעט, ווי אין דרויסן פּאָרט מאָניעק אויף זיין ראָווער

אַהין און צוריק, פאַרביי דעם פענצטער. ער פאָרט לייכט, ווי ער וואָלט געשווומען.

מאָטל שטעקט אַרויס דעם קאָפּ, און ווען מאָניעק קומט נענטער, שרייט ער צו אים:

— איך קען בעסער פאָרן פון דיר! — און באַוועגט מיטן קאָפּ גרויס-מענטשיש.

— אַנו, ווייז — שטעלט זיך מאָניעק אָפּ פאַר זיין נאָז.

אַ דערשוויצטער, גייט ער אַראָפּ פון געזעס און מאַכט פלאַץ פאַר זיין קעלער-שכן.

— די מאַמע האָט מיך פאַרשלאָסן, כ'קען נישט אַרויס-גיין — רעדט מאָטל אַרויס, ווי פון אַ תּפיסה.

— קום אַרויס דורכן פענצטער.

פאַר פרייד, אַז ער האָט די מעגלעכקייט צו פאָרן, פאַר-געסט ער, וואָס די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט.

מאָניעק העלפט אים אַרויפזעצן זיך, און ווי אַ יונג פיי-געלע, וואָס מאַכט די ערשטע פּרוּוון צו פליען, אַזוי האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן אויפן ראָווער.

אָבער באַלד נאָך די ערשטע פאָר טריט, האָט זיך די מאַשין אומגעדרייט.

— זעסט, איך קען בעסער?! — טאַנצט מאָניעק אונטער.

מאָטל וויל זיך שנעל אויפזעצן און ווייטער פאָרן, אָבער דער ראָווער האָט זיך שוין ווידער איבערגעקערט.

— כ'מאַך אויף קאַטאָוועס — גרויסט זיך מאָטל.

ער זעצט זיך נאָכאַמאָל אַרויף און הויבט אָן פאָרן, צוערשט לאַנגזאַם, באַלד אַביסל שנעלער, אָט — דאַכט זיך אים — וועט ער אַרומפאָרן איבערן גאַנצן הויף, און מיטאַמאָל דערפילט ער, ווי עמעץ וואָלט אים אַ שטויס געטון, און ער גיט אַ פלי צו דער וואַנט, ווי אַ גומי-באַל, וואָס ווערט געוואָרפן פון אַ האַנט.

— כ'האָב, כ'האָב, ע-ע-ע, געוואָלט אַראָפּגיין — זאָגט ער און וויל אונטערטאַנצן, נאָר אַ קני טוט אים ווי — זעסט, כ'פּאָר גוט? — זאָגט ער ווייטער און באַמיט זיך צו באַהאַלטן דעם ווייטיק.

מאָניעק פאַרשטייט, אַז מאָטל האָט זיך צעקלאַפּט, נאָר זעענדיק, ווי מאָטל שעמט זיך, פרעגט ער אים:

— ווילסט נאָך פאָרן?

— יאָ!

— מאָטל! — דערהערט זיך אַ געשריי איבערן הויף.

אַ צעטראָגענע, ווי אַ געטריבענע הון, קומט אָנצולויפן מאָטלס מוטער.

— וועמען האָסטו איבערגעלאָזט בײַם קינד? — שרייט זי צו מאָטלען.

אינגאַנצן צוזאַמענגעקורטשעט, ווי אַ געשלאָגן הינטל, רוקט ער זיך נענטער צום פענצטער.

ווען די מוטער האָט אויפגעשלאָסן און איז אַרײַן אין קעלער, שלעפט שוין מאָטל דאָס שוועסטערל אויף זיך. אירע דאַרע פיסלעך אַראָפּגעלאָזט און פון העמדל שטאַרצן אַרויס די בלאָס-געלע האַנט-געלענקן; דער האַלז, אויסגעצויגן, דערהאַלט קוים דאָס ווייסע קעפּל. אינגאַנצן זעט זי אויס, ווי אַן אָפּגע-פליקטע גאַנז.

פון אירע אייגעלעך ציען זיך טרערן-ריטשקעלעך ביזן האַלז אַרײַן און פון נעזל באַמבלען זיך ביז צום מויל צוויי גרינע חלבנע שנירעלעך.

דאָס קינד שלוקערצט און כיקעט, די מוטער שרייט אויף מאָטלען, ווי אויף אַ דערוואַקסענעם מענטש, און ווען זי האָט אויסגעפּאַקט דעם גאַרן צום מאַכן שאַטקעס, נעמט ער פלייסיק

מאַכן קניפּלעך, כּדי די מוטער זאָל זיך באַרויקן. ביז מיטאָג זיצט ער אַזוי און אַרבעט מיט איר צוזאַמען.

— מאַמעשי, וועסט נישט דערציילן דעם טאַטן? — פרעגט ער קורץ פאַר מיטאָג, ווען דער פאָטער דאַרף שוין אָנקומען.

— וועסט שוין נישט איבערלאָזן חנהלען אַליין?

— ניין!

— וועל איך נישט דערציילן.

ער צאַצקעט זיך מיט דעם שוועסטערל, ווי ער וואָלט איר ווען פאַרגיטיקן פאַר דער עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען אנטקעגן איר.

— מאַמעשי — פרעגט ער שפּעטער נאָך אַ לאַנגער ווײַלע — דער טאַטע קען פאָרן אויף אַ ראָווער?

— יאָ!

— וועט ער מיך אויך לערנען?

די מוטער האָט זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט נישט דער־הערט די לעצטע פראַגע.

ווען דער פאָטער קומט אַריין אין קעלער, טרעפט ער דעם קליינעם זיצן רייטנדיק אויף אַן אַלטן טשעמאָדאַן, אונטער־שפּרינגענדיק אַלעמאָל, ווי ער וואָלט געפאָרן.

ביים עסן רעדן די עלטערן ווייניק, שנעל פאַרענדיקט מען דעם מאָגערן מאָלצייט.

דער פאָטער איז ווידער אַוועק. די מוטער נעמט זיך ווייטער צו דער אַרבעט.

קאָרג שיקט די נאָכמיטאָג־זון אַריין אַ פּאָר שטראַלן אויף דעם נישט־צוגערעקטן ברוינעם טיש.

דאָס קלענערע קינד שלאָפט און סאָפּעט מיטן נעזל, פּייפט מיטן העלדזל, ווי אַ גראָז־ווערעמל.

מאָטל זיצט אין אַ ווינקל און שניצט אַ שטיקל האָלץ,

ער קריכט אַרום אין אַלע ווינקלען שטיל, ווי אַ וועוויערקע, ער זוכט און נישטערט, ביז ער געפינט אַ שטריק, וואָס ער בינדט־צו צו אַ שטיקל האָלץ און טוט זיך אָן אינדערקרום אויף איין אַקסל.

— זעסט, מאַמעשי, כ'האָב אַ שווערד — ווייזט ער איר און שטעלט זיך אויס אין אַ העלדישער פּאָזע.

די מוטער גיט אַ שמייכל, נישט אויפהערנדיק צו פלעכטן דעם גאַרן.

אינדרויסן שפּיגלט זיך די זון אין די שויבן פון די אויפגעפּראַלטע פענצטער, אַ בלויער הימל ליגט איבער די דע־כער און גלעט אַלעמען מיט זיין וואַרעמען אָטעם.

מאָניעק דרייט זיך אַרום אויפן הויף אין אַ פּאָר דינע ווייסע הויזעלעך, און אין אַ רויזע זיידן אויבערהעמדל מיט אַ זשאַבאָט פון ראָקאָקאָ־סטיל.

ער איז אַ פולער, אַ דיקער, ווי אַ טייגל. מיט אַ רונדיק פּנימל, ווי אַן עפּעלע.

מאָטל קומט אָן אַ באָרוועסער אין אַ פּאָר דינע טריקאָ־טענע הויזעלעך, דאָס דינע קערפּערל, אויף וועלכן מען קאָן אָפּציילן יעדע ריפּ, איז צוגעדעקט מיט אַ שמוציק העמדל אָן אַרבל. אַ בלאַס פּנימל, מיט אַ פּאָר טיפע אויגן, ווי ביי אַ קראַנקן.

ער האַלט איין האַנט אויף דעם הילצערנעם שווערדל, די צווייטע פאַרלייגט אויף הינטן.

מאָניעק באַטראַכט אים אַביסל. דערזעט עפּעס נייעס און גייט צו צו אים חבריש.

— וואָס האָסטו דאָ

— הם, הם — דרייט זיך מאָטל אַוועק שטאָלץ, נישט וועלנדיק אים ווייזן דעם שפּילצייג.

— כ׳וועל דיר נישט צונעמען, כ׳וויל נאָר זען — בעט זיך מאַניעק.

— ווערסט מיך לאָזן פאָרן אויפן ראָווער? — שטעלט אים מאָטל אַ באַדינג.

— יאָ!

— דאָס איז אַ שווערדל — ווייזט אים מאָטל גרויסמוטיק — טו עס אָן.

מאַניעק נעמט זיך אַרום מיטן שטריקל און קוקט אויף דעם באַמבלדיקן שטיקל האָלץ, עפּעס געפעלט עס אים נישט אַזוי שטאַרק, אָבער ער מאַרשירט שטאָלץ אין דערזעלבער פּאָזע, ווי פריער מאָטל, און מאַכט אַ צופרידן פּנים.

— קום אַרויף צו אונז — זאָגט ער, נעמענדיק מאָטלען ביי דער האַנט, און זיי שפּאַצירן אַרויף אויפן ערשטן שטאָק.

זיי לויפן פאַרביי דער קיך אין זאַל אַריין.

מאַניעקס מוטער זיצט אויף אַ קושעטקע אָנגעלייגט מיט קישעלעך, אויסגעהאַפטענע מיט פאַרשידענע פאַרבן.

זי האַלט אין האַנט אַ ליאַלקע־קאָפּ; אַ מאָדעל פון זשאַ־זעפינע באַקער, זי נייט יעצט אַ קרויז־קליידל צו באַצירן די קושעטקע מיט נאָך אַ פיגורל.

אין אָנפאַנג פילט זיך מאָטל נישט דרייסט אין דער גרויסער, ליכטיקער שטוב, מיטן פּראַטערירטן דיל, נאָר ווען מאַ־ניעק האָט אים צוגעוואָרפן דעם באַלעם, אַ פּאָר בילדער־ביכ־לעך, פאַרשידענע קלעצלעך, אַ טראַמוויי — איז ער דרייסט געוואָרן.

צוערשט האָט ער אַלץ באַטראַכט און באַשמעקט, ווי אַן אַנטיקוואַר, בעת ער באַטראַכט אַ חפץ.

— ווילסט זען, ווי גוט איך פאָר שוין? — רוימט מאָטל איין מאַניעקן אין אויער.

מאַניעק שלעפּט אַפּער דעם ראָוער פון אַ ווינקל און העלפט מאָטלען אויפזעצן זיך.

מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון זיין קינדערשן פאַר־שטאַנד, נעמט ער קירעווען, ביז ער הויבט אָן פאָרן.

ער פאָרט וואַקלענדיק, ווי אַ קינד, וואָס הויבט ערשט אָן צו גיין.

ביסלעכווייז ווערט ער דרייסטער און שנעלער.

אָט פאָרט ער שוין אַרום דעם טיש, געשיקט און בויג־זאַם, ווי אַ זשאָקעי אויף זיין פערדל.

— גענוג! — רופט אים צו מאָניעק, ווי ער וואָלט איי־פערזיכטיק געוועזן אויף זיין גוטן פאָרן.

דער געריפענער הערט נישט, ס'ווילט זיך אים נישט אַראָפּגיין.

— גענוג שוין! — שרייט מאָניעק העכער און כאַפּט אָן דעם „קעראָווניק". דאָס ראָד דרייט זיך אויס אָן אַ זייט און מאָטל פאַלט אַראָפּ.

די מאַדאַם האָט זיך דערשראָקן פון שטאַרקן קלאַפּ, זי שפרינגט אויף.

— וואָס איז געשען? — שרייט זי אַ בלאַסע.

דערזעענדיק ביידע ייִנגלעך שטיין ביים ראָווער, רעדט זי ברוגזלעך:

— ווען מאָטל קומט נאָר אַרויף, קומען אַרויס אַוואַנטורעס. מען מוז זיך אַביסל בעסער אויפפירן אין אַ פרעמדער שטוב! — מוסרט זי אויס מאָטלען און נעמט איר ייִנגל צו זיך.

שטיל, ווי אַ קעצל, שאַרט זיך מאָטל אַרויס.

אַראָפּגייענדיק פון דער רייכער וווינונג צו זיך אין קע־לער־שטוב, זעט אים אויס זיין היים נאָך פינצטערער, ווי פריער.

אויפֿן טיש ברענט שוין דאָס נאַפֿט-לעמפּל, וואָס וואַרפֿט
אַ טונקעלע שײַן איבער דער שטוב, ווי דורך אַ זיפּ.

די מוטער איז פֿאַרטיפֿט ביי דער אַרבעט, דאָס קראַנקע
שוועסטערל זיצט, ווי תּמיד, שטיל אויפֿן אײַזערנעם בעטל און
גלאָצט מיט די אייגעלעך. מאָטל זעצט זיך אַוועק נעבן איר
אויפֿן בעטל. דאָס קינד עפֿנט דאָס מײַלעכל, ווי ס'וואָלט וועלן
עפּעס זאָגן, ס'טוט אַ קוועקע, ווי אַ זשאַבע.

ער באַטראַכט די מוטער, וועלכע זיצט אַן אײַנגעהויקערטע
און פּרוּווט זי פֿאַרגלייכן צו מאַניעקס מוטער. ס'ווערט אים
קאַלעמוטנע, די ליפּן נעמען צוקן און די אויגן שטעכן אים,
און גאָר פֿון זיך אַליין הויבן אים אָן די טרערן צו פֿליסן איבער
דעם אויסגעדאַרטן פּנימל, ביז ער וויינט אַרויס אויפֿן קול.

— וואָס וויינסטו? — פֿרעגט אים די מוטער, אויסדרייענדיק
צו אים דעם קאָפּ.

ער ווייסט אַליין נישט, פֿאַרוואָס ער וויינט, עפּעס פֿאַר-
דריסט אים, נאָר אַזוי ווי ער געדענקט כּסדר אין מאַניעקס
מוטער, זאָגט ער:

— מאַניעק האָט מיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון ראָווער און
זיין מאַמע האָט זיך נאָך געבייזערט אויף מיר...

ביי קינדער אויף קעסט

מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי ביי אַ האָז, האָט זיך ר׳ מענדל צוגעהאָרכט צו יעדן שאָרך, וואָס איז געקומען פון דער גרויסער שטוב.

ווי נאָר דער זון האָט זיך אַ קער געטון, האָט אים ר׳ מענדל געעצהט אין געדאַנק, וואָס ס׳איז בעסער, וואָס שענער. ער האָט ביי זיך אין געדאַנק נאָכגערעכנט, וויפיל דאָס געשעפט קאָן שוין ווערט זיין, אָבער אַרויסגעזאָגט האָט ער עס קיינמאָל נישט, ווייל סיי־ווי וויל מען אים נישט הערן.

דער זון איז שוין לאַנג אוועק אין געשעפט, נאָר די שנור פּויזעט נאָך אַרום פון איין ווינקל אין אַנדערן.

מיט איר איז ער שוין ברוגז אַ לענגערע צייט, ווייל זי האָט דאָס אָנגערעדט דעם זון, ער זאָל דעם פאָטער אַריינלייגן אין פינצטערן אַלקערל.

דער אַלטער הויבט צום צוואַנציקסטן מאָל אויף דעם קאָפּ, אַ קוק צו טון דורך דער שפּאַרע פון די דיקע פּאָרטיערן, צי די שנור איז שוין אָנגעטון צום גיין.

ווען זי איז אַוועק, איז ער שנעל אַרויס פון בעט, אַריינגעשטעקט די פיס אין דעם זונס שטעקשיך, אָנגעטון זיך די ויירענע יאַרמעלקע אויפן שפּיץ קאָפּ, אונטערטאַנצנדיק מיטן דיקן בייכל, וואָס איז אים נאָך געבליבן פון די גוטע צייטן. ער גייט

צו צום שפיגל, פֿאַרקעמט זיך דאָס גראָע, קורצע בערדל, וואָס וואַקסט נישט גרויס, נאָר רונדיק, באַטראַכט אַביסל דאָס צע-קנייטשטע פּנים, פֿאַרקעמט זיך די פּאָר האָר אינמיטן קאָפּ, און אונטערזינגענדיק אַ זמרל, גיט ער אַ טאַפּ דאָס בעט-איבערצוג.

— הונדערטער, ווידזעווסקע — סמאַקעוועט ער — וואָס זיי האָבן געקריגן פֿון מיר, נוצט מען נישט, הע, הע, הע, זיי באַהאַלטן עס אויף שפּעטער.

ער זעצט זיך אַריין אין אַ פֿאָטעל, לעזט דורך די נעכ-טיקע צייטונג.

ווען די זון האָט שוין גוט אַדורכגעוואַרעמט די ווענט, זוכט ער זיך אויס אַ ביכל פֿון זונס ביבליאָטעק, זעצט זיך אַרויס אויפֿן באַלקאָן, פֿאַררויכערט אַ ציגאַר, ציט זיך אויס אויף דעם אויסלייג-בעטל און פֿאַרטיפֿט זיך אין די געדרוקטע אותיות.

באַלד דרעמלט ער איין און דאָס ביכל פֿאַלט אים אַרויס פֿון די הענט, דער קאָפּ פֿאַלט אים אין אַ זייט, ווי ביי אַ געשאָכטן הינדל.

די שנור קומט אַהיים, זי וויל אַביסל אַרויסגיין אויפֿן באַלקאָן, דער אַלטער שלאָפֿט.

— ער ווייסט נישט מער, נאָר עסן און שלאָפֿן — זאָגט זי צו דער דינסט — וועק אים אויף!

— מנע, גאָר לאַנג געשלאָפֿן, כע, כע, כע — לאַכט ער, ווען די דינסט האָט אים אויפֿגעוועקט — אַ שוואַכקייט דאָס ביי מיר אויף דער עלטער.

רעדנדיק דאָס, באַגעגנט ער זיך מיט די בליקן פֿון דער שנור, דער שמייכל איז ביי אים פֿאַרגליווערט געוואָרן, די אונ-טערשטע ליפּ האָט זיך ביי אים אויסגעצויגן אין אַ גרימאַס.

ער דרייט זיך אַרום אַ פּאָר מאָל איבער דער שטוב,

אַריין אין קיך, זאַפּט זיך אָן מיט די גוטע ריחות פֿון ז״עם געקעכץ, וואָס פּראַזשעט זיך אויף דער קיך.

— אַביסעלע יויך וואָלט זיך געוואָלט זיפּן — זאָגט ער צו דער דינסט, טראַכט זיך, אפשר וועט זי פֿאַרשטיין, אַן עלטערן מענטש, נאָגט ביים הארץ.

זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

ער פּוצט זיך אַרום דעם ראָק, ס׳זאָל זיך נישט געפֿינען קיין פֿעדערל און גייט אַראָפּ אין גאַס.

גייענדיק, שטעלט ער זיך אָפּ ביי יעדן שוי־פֿענצטער, באַטראַכט די אויסשטעלונגען, באַוווּנדערט די טייערע זאַכן.

ער קריכט לאַנגזאַם, רעדנדיק צו זיך אַליין, באַגעגנט אַן אַלטן חבר, זיי שפּאַצירן געאָרעמט, פֿאַרשמועסן זיך אַביסל.

אָוונט, זיצנדיק ביים נאַכטעסן, פֿרעגט אים דער זון:

— פֿאַרוואָס קומסטו עפּעס אַוועק, ווען אַלע עסן מיטאָג?

— איך קום אַוועק?

— היינט ביסטו אויך נישטאָ געווען.

— הלמאי כ׳האָב זיך, אַמאָל פֿאַרשפּעטיקט — זאָגט דער אַלטער — האָט אייך דער מאָלצייט נישט געשמעקט?

ער פֿילט, ווי דאָס בלוט קומט אים אין קאָפּ אַריין, און ער שטעלט גלייך אַוועק דאָס גלאָז טיי.

— ער האָט ליב צו עסן, ווען קיינער זעט נישט — זאָגט די שנור.

דער אַלטער דערהערט נישט, וואָס זי זאָגט, נאָר ער פֿאַרשטייט, אַז זי מיינט אים.

ער גייט אַוועק פֿון טיש אַ באַליידיקטער.

— וווּ לויפֿסטו? — פֿרעגט דער זון מיט איינגעהאַלטע־נעם כּעס.

ער גייט צו צום פֿאָטער, בעט אים, ער זאָל זיך זעצן

צום טיש — פיר נישט צו קיין מחלוקתן — בעט ער זיך און מיידט אויס צו קוקן אויפן ווייב, וועלכע זיצט אַן אָנגעבלאָזענע.

דער אַלטער זעצט זיך צוריק צום טיש, ער קייט לאַנג, דאָס עסן וויל נישט אַראָפּ, ווי שטיינער.

ער דערמאָנט זיך, אַז דער דאָקטאָר האָט אים נישט געהייסן עסן קיין ברויט, נאָר ווייס געבעקס, אָבער קיינער גערעדנקט אָן אים נישט, מען היט אים נישט אָפּ, די אויגן ווערן ביי אים פייכט, ער רעדט גאָרנישט, ער דרעפּטשעט אַריין אין אַלקערל, ווישט זיך אויס די אויגן, שטייט אַביסל אומבאַהאָלפן, און גייט צוריק אַריין, ווו אַלע פאַרברענגען.

ער זעצט זיך,ביים פענצטער, אָפּקרעכצנדיק אייניקע מאָל, לייגט דעם קאָפּ אויף די דלאָניעס און בלייבט זיצן, ווי אין דרימל.

ס׳קומען געסט, איינער אַ יינגער, לויפט פון איין אָרט אויפן צווייטן און אַלעמאָל, ווען ער לויפט פאַרביי דעם אַלטן, טוט ער אים אומגערן אַ שטויס.

— ש—ש—ש — סיקעט דער אַלטער. פון דעם גערודער, טוט אים דער קאָפּ וויי.

— ער מיינט, אַז ער איז דאָ אַליין! — זאָגט די שנור און שפּיזט אַריבער צו אים אַ פאַראַכטנדיקן בליק.

שאַרנדיק זיך אין דער זייט, שטיל ווי אַן אורח, קריכט ער אַוועק אין אַ ווינקל.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, זיידעשי? — פרעגט אים אַ יינגער בחור, אַ צאַפּלדיקער, אַ געזונטער מיט אַ רונדיק פּנימל, ווי אַן עפּעלע.

— דאַנקען גאָט, מען לעבט.

— אָבער פאַרוואָס זיצט איר אין ווינקל?

— ווי קום איך, אַן אַלטער צו אייך? — זאָגט ער,

אָבער אין האַרצן טיאַקקעט דער ווונטש, זיך אַריינצווזעצן איינמיטן געזעמל.

— קום אהער, טאַטע! — רופט אים דער זון, מאַכנדיק פלאַץ.

דער אַלטער זעצט זיך אַריין אינמיטן קרייז, אויף זיין פאַרמעטן פנים איבערציט זיך אַ קינדיש שמייכעלע.

ער קוקט יעדן אין די אויגן אַריין מיט נייגיריקייט.

— אַנטשולדיקט, וואָס האָט איר געזאָגט? — פרעגט ער זיין שכן — כ׳האָב נישט אַזוי גוט.

— ענטפערט אים נישט — זאָגט די שנור — ער וועט אייך כסדר פרעגן, אַלץ וויל ער וויסן.

זעענדיק, ווי אַלע גרייטן זיך צו גיין, איז אים אַ גרויסער שאָד, ער וויל זיי גערן גאָך אַביסל אויפהאַלטן.

— גייטס נישט אַוועק — בעט ער זיך, אָבער קיינער לייגט נישט קיין אַכט אויף אים, ביי איינעם זעט ער אַ חוזק-שמייכעלע.

— דעם אַלטן וויל זיך נאָך אַביסל פאַרברענגען — זאָגט עמעצער. אַלע צעלאַכן זיך, מיינענדיק, אַז דער אַלטער האָט נישט געהערט.

דאָס פנים ווערט ביי אים אויסגעצויגן, די הענט און פיס שווער, ער שפירט, אַז דאָס האַרץ בלייבט ביי אים שטיין, עס פאַרפעלט אים אָטעם.

— אוף! אוף! — סאַפּעט ער הויך.

— מאַכסט שוין ווידער דיינע סגולות? — זאָגט אים דער זון שטיל אויפן אויער.

ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט אינדערלופט, ווענדיק דעם זון אָפּשטויסן פון זיך, נאָר דער שוואַכער אָטעם שטיקט אים, ער לאָזט פאַלן די האַנט.

— ס׳קומט מיין סוף — טראַכט ער זיך, ער בלייבט אַביסל זיצן אומבאַוועגלעך, באַנעצט פון קאַלטן שווייס, נאָך אַ ווײַלע ווערט אים לייכטער — לאַנג וועל אים מיך שוין נישט האַלטן — קומט אים אַ געדאַנק.

— גיי נישט אַוועק — בעט ער דעם זון. ער שרעקט זיך, אַז ער זאָל נישט אָפּשטאַרבן איינער אַליין.

— וואָס ווילסטו, כ׳זאָל דיך היטן? — רעדט דער זון דענערווירט.

— כ׳האָב מורא... — בעט זיך דער אַלטער ווייטער, ווי אַ שולדיק קינד. ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ער דערזעט ביי דער שנור אַ טייוולאָניש שמייכעלע.

שטייענדיק ביי דער טיר, איין האַנט אויף דער קליאַמקע, פרעגט זי דעם מאַן הויך:

— דו גייסט מיט, אָדער בלייבסט דאָ?! — און זי פאַרלאָזט די שטוב.

דער זון בלייבט שטיין אַ מינוט צעטומלט, בלאָזט מיט די נאָז-ווינקלען.

— מוזט וויסן, אַז ביסט נישט ביי מיר איינאונאיינציק — בעט ער זיך כמעטביים פאָטער — כ׳האָב אַ ווייב אויך.

און ער לויפט אַרויס.

ר׳ מענדל בלייבט זיצן אַ באַליידיקטער, אַדורכגענומען מיט מורא פאַר דער איינזאַמקייט.

אָבער ווי נאָר די דינסט האָט זיך באַוויזן אין דער שטוב, כדי אָפּרוימען פון טיש, האָט ער צוריקגעקריגן די זיכערקייט איבער זיך.

ער דערפילט זיך פריי, נישט אונטער דער לאַסט פון זייטיקע בליקן, אַליין איז ער אויך נישט מער, ער גלייכט אויס

דעם רוקן, גייט אַ פּאָר מאָל איבער דער שטוב, די הענט אין די טאַשן.

ער קוקט נאָך אַלע שופלעדער, צי זיי זענען פאַרשלאָסן, פּרוּווט די טיר און פענצטער, צי זיי זענען גוט פאַרמאַכט.

ער גיסט זיך איין אַ גלאָז טיי, לייגט אַריין דריי שטיקלעך צוקער מיט אַ גרעסער שטיקל ציטרין, פאַרבייסט מיט קיכלעך.

נאָכן עסן פאַררייכערט ער אַ ציבּיק.

ווען ער דערפילט אַ שלעפעריקייט, בעט ער אויף דאָס ווייסע בעט און הויבט זיך אָן אויסטון.

ער קוקט זיך אַרום אין דעם אַלקערל מיט די ליידיקע ווענט.

ס׳דערמאָנט זיך אים די צייט, ווען ער מיט זיין ווייב האָבן פאַרנומען די גרויסע ווינונג, וועלכע ער האָט נאָך איר טויט איבערגעגעבן דעם זון.

די אַמאָליקע רחבותדיקייט רופט ביי אים אַרויס אַ בענקשאַפט, דאָס קליינע צימערל זעט ביי אים אויס, ווי אַ תּפיסה-קאַמער.

פון דער אַנדערער זייט וואַנט דערהערט זיך אַ שאָרך.

ווי אַן איבערגעשראָקן קעלבל שפּרינגט ער אָפּ, לויפט אַריין אין דער גרויסער שטוב, דרייט אַרויף די עלעקטרי און זעצט זיך ביים טיש אָנגעלענט אויף די עלבויגנס.

ווען די קינדער קומען אַהיים און דערזעען דעם פאָטער אַ שלאָפנדיקן ביים טיש, זאָגט די שנור מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— ער וואַרט, זאָלסט אים לייגן-פירן...

— הער אויף צו בייסן! — שרייט דער זון, שטאַרק אויפגערעגט — דו שפּילסט מיר נאָך צו אויף די נערוון, ווילסט אפשר, כ׳זאָל אים אַרויסוואַרפן ?!

און צום פאָטער זאָגט ער מיט צוריקגעהאַלטענער אויפרעגונג:

— מאַכסט דיך עפּעס אַזוי קינדיש, אַז ס'איז שווער מיט דיר אומצוגיין. מוזט וואַרטן, ביז מיר קומען אַהיים?

דער אַלטער שטייט פאַרשלאָפן, קוקט מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, מאַטע, גאָרנישט-זאָגנדיקע, ווי בײַ אַ מאַלפּע.

— מנע, מנע — רעדט ער צו זיך — זעטס נאָר, ווי דאָס האָט זיך צערעדט?! אַז זיי איז אומהיימלעך, ווייסן זיי צו גיין אין גאַס אַריין; לויפן צו גאַסט, און אַז אַן אַלטער קען אויך פילן אַ בענקשאַפט צו מענטשן, דאָס קענעז זיי גאָרנישט פאַרשטיין...

טרויער־קליידער

אין דער פאַציעַטקע, ווו ס׳האָט זיך תמיד געהערט דאָס קלאַפּן פון שוסטער־העמערל, איז יעצט דאָס פענצטער פאַר־האָנגען מיט אַ קאָלדרע, נאָר פון ביידע זייטן רייסט זיך דורך דאָס טאָגליכט, די שוואַכע שיין פלעכט זיך צוזאַמען מיט די צוויי רויכערנדיקע פלעמעלעך, וואָס די וואַקסענע ליכט וואַרפן אויפן טויטנס פנים, זיין צורה איז פונקט אַזוי וואַקסיק־געל, ווי די גרויסע ליכט, וועלכע שטייען אים צוקאָפּנס.

זיינע הענט ליגן אים צוזאַמענגעלייגט אויפן בויך, אונטער וועלכע ס׳ליגט אַ ביכל מיט פאַרגילדעטע טאָוולען, אַרומגעוויקלט מיט „פאַטשערקעס״.

אין ווינקל ביי אַ גרויסן הילצערנעם קאַסטן קניט די אלמנה, דעם קאָפּ אויפגעהויבן צום הייליקן בילד, דער רויטער נר־תמיד באַגיסט גאַטס־מוטער מיט אַ פאַרביקן שיין, ווי ביים זונאונטערגאַנג, און אירע געמאָלטע, פּיאָלעטענע אויגן שיינען גלאַנציק, ווי לעבעדיקע.

— זיי אים מוחל, הייליקע מוטער — מורמלען די ליפּן פון דער בעטנדיקער — זיי מוחל אונזערע זינד, ווי מיר זענען אונזערע שולדיקע מוחל; הייליקע מוטער, בעט פאַר אונז.

די טרערן רינען איר פון די אויגן און באַהאַלטן זיך אין די קנייטשלעך פון איר פנים.

ביי דער קייגנאיבערדיקער וואַנט, אויף אַן אייזערנעם בעטל, זיצט די טאָכטער, אַ בלאָנד מיידל, מיט שיטערע האָר צוזאַמענגעלייגט אין אַ גרעק. אויף דער שויס האַלט זי אַן אַלט געוואַנט. אירע אויגן קוקן שטאַר אין ווייטן חלל, ווי אַ מומיע.

— איך וועל אַן טאַטן נישט לעבן — רעדט זי צו זיך — ווי וועל איך קענען לעבן אָן מיין ליבן טאַטן?

זי שאָקלט זיך אַהין און אַהער אין גלייכמעסיקן טאַקט, ווי אַן אומרו.

— זעסט, אַ קרעפּע־שאַל האָב איך דיר שוין געשאַפט — קומט אַריינצולויפן אַ דיקע שיקסע, אַן אָנגעבלאָזענע — ערשט ווייז נאָר דאָס קלייד, מיר וועלן דאָס אין אָרדנונג מאַכן.

זי נעמט דעם שטאָף פון דעם מיידלס הענט, באַטראַכט פון אַלע זייטן.

— מעסט נאָר אָן, מיר וועלן זען! — באַפעלט זי.

— ס׳וועט שוין גוט זיין, מיין ליבע, ווי ס׳איז — קרעכצט דאָס מיידל.

— וואָס קרומסטו דיך אַזוי? אַלע מוזן שטאַרבן — בייזערט זיך די אַריינגעקומענע געשעפטלעך.

ס׳קומען אין באַוועגונג: נאָדל, שער און פּרעסאייזן, מען גרייט זיך, ווי צו אַ חתונה.

די שטוב ווערט דערוויל פול פון אַלטע באָבעס און נייגעריקע קינדער. די טרומנע ווערט באַפּוצט מיט פּאַפּירענע שפּיצן און ביליקע בלומען.

די טאָכטער באַווייזט זיך אָנגעטון אין טרויער, אירע בלאָנדע האָר שיינען אָפּער פון דעם שוואַרצן שאַל, ווי אַ גאָלדענער אָרעאָל.

דערזעענדיק אַזויפיל מענטשן, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן

דעם פֿאָטער דעם לעצטן כּבוד, ווערן איר די אויגן פֿול. יעדער באַמיט זיך איר, וואָס האַרציקער אויסצודריקן מיטגעפֿיל.

צווישן די אָנוועזנדיקע דערזעט זי אַ באַקאַנט פּנים, וואָס דערנענטערט זיך צו איר.

איר וואָלאַדעק דערלאַנגט איר די האַנט.

— ביסט געקומען אויף זיין לוויה? — פֿרעגט זי, און צוויי פֿאַסמעס טרערן גיסן זיך איר איבער די באַקן.

שוין אַ פּאָר חדשים, ווי זי האָט איר חבר געבעטן, ער זאָל אַמאָל קומען, און ער האָט זיך נישט געוויזן, יעצט איז ער דאָ.

— דיין פֿאָטער האָט דאָך מיר פֿאַרבאָטן צו קומען — פֿאַרענטפֿערט ער זיך.

זי דערמאָנט זיך טאַקע, ווי איר פֿאָטער האָט אים באַליי־דיקט, און אים פֿאַרזאָגט צו קומען.

וואָלאַדעק האָט זי געפֿירט אונטער דעם קאַראַוואַן. זי האָט געהאַלטן אירע פֿינגער אין זיין וואַרעמער האַנט.

זי פֿילט, ווי זיין אָרעם פּרעסט זי פֿעסט צו זיך.

איר האַרץ קלאַפּט ראַשיק, פֿאַרגעסט, אַז זי באַגלייט איר פֿאָטער צו דער אייביקער רו, זי פֿילט נאָר, ווי זי גייט צוזאַמען מיט וואָלאַדעקן.

צי פֿאַרשוועך איך נישט דעם טאַטנס אָנדענקען? — טראַכט זי — וואָס כ׳גיי מיט דעם, וועלכן ער האָט נישט געוואָלט פֿאַר קיין איידעם? אָבער איר האַנט האָט אינסטינקטיוו געצויגן דעם געליבטן צו זיך.

מען האָט דעם טויטן אַראָפּגעלאָזט אין קבר, און דער גלח האָט אָפּגעזונגען די פּאָר לאַטיינישע אומפֿאַרשטענדלעכע פּסוקים. די ערשטע לאָפּאַטעס ערד, וואָס דער גלח האָט אַרויפֿ־געשאָטן אויפֿן קבר, האָבן הויל אָפּגעקלאַפּט אויף דער טרומנע,

דערנאָך איז די לאָפּאַטע איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די קרובים, און יעדער שופל ערד, האָט זיך איר גערדאַכט, שיט מען איר אויפן האַרצן.

און ווען די באַקאַנטע האָבן זי ביסלעכווייז פאַרלאָזן, און מען האָט זי צום סוף אויך מיטגערופן אַהיים, איז איר ערשט קלאָר געוואָרן, אַז זי בלייבט אַ יתומה, דער פאָטער בלייבט ליגן אין דער קאַלטער ערד.

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין, געבעטן זיך, מען זאָל זי דאָרט איבערלאָזן אויפן בית-עולם, געריסן זיך מיט איר פריינט, ווי אַ משוגענע, און קוים מיט מאַטערניש האָבן זיי איר אַרויסגעפירט.

פירנדיק זי צווישן די מצבות, האָט מען זי געשלעפּט, ווי אַ שיכורע, נאָך יעדע פּאָר טריט האָט זי זיך אַ וואַקל געטון אויף צוריק.

ערשט, ווען זי איז אַרויסגעקומען אין גאַס, לאָזנדיק הינטער זיך די מויער פון אייזערנע שטאַכעטן, האָט זי זיך איינגעשטילט און אָנגעהויבן גיין רויִק, צוטוליענדיק זיך צו וואָלאָדען.

נאָענט פון דער היים פרעגט זי אים:

— און איצט וועסטו כאָטש קומען צו מיר?

— איצט שטערט אונז קיינער נישט מער — ענטפערט ער.

ער זאָגט דאָס ערנסט, שטיל, אָבער זייערע בליקן באַגעגענען זיך און זיי שפּירן, ווי אין די מויל-ווינקלען וויל זיך פאַרגנבענען אַ שמייכל.

אין שוואַרצן איז זי אים נאָך בעסער געפעלן; איר קליין בלאַס פּנים שלאָגט זיך אָפּ שטאַרק ווייס, און אירע בלויע אויגן זעען אויס, ווי צוויי גרויסע ווייַנטרויבן.

ביים געזעגענען זיך, האָט ער איר לאַנג געקושט די האַנט. זי האָט געפילט, ווי איר האַרץ טאַנצט פאַר פרייד.

די שוואַרצע קליידער און די מוטערס צעבראָכנקייט האָבן זי דערמאַנט אין פאָטערס טויט.

זי האָט זיך באַמיט אָרויסצורופן דעם טאַטנס בלייך-פאַרגליווערט פנים, כדי זי זאָל פילן דעם טרויער, אָבער דער צער איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן, אויסגערינען, אַ שטיל גליק פון וואָלאָדעקס ליבע רוט אין איר האַרצן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט אין דעם שיין-אויפגערוימטן שטיבל געוווינט דער חתן. קיין סימן פון אַ שוסטער-וואַרשטאַט איז שוין נישט געווען.

איינמאָל, בעת די מוטער איז געבליבן מיט דער טאָכטער אַליין, זאָגט די אַלטע:

— מעגסט שוין אויסטון די טרויער-קליידער, ביסט תּמיד אַזוי שטיפעריש-פריילעך, ס'פּאַסט זיך נישט דערצו.

די טאָכטער פילט זיך באַליידיקט:

— מיינסט, ווייל כ'לאַך אַמאָל, געדענק איך נישט אין טאַטן? — בייזערט זי זיך — דער מענטש קען דאָך נישט דעם גאַנצן טאָג טרויערן.

אָבער די מוטער ווייס, אַז די טאָכטער איז צופיל פאַרנומען מיטן חתן. זי זאָגט שטיל מיט אַ זיפץ:

— אין אַ טויטן פאַרגעסט מען לייכט, אַזוי איז שוין דאָס לעבן.

— פאַרן יאָר טו איך די טרויער-קליידער נישט אויס — זאָגט די טאָכטער אַנטשלאָסן — איך קען מיין פאָטערס טויט נישט פאַרגעסן.

און זי דערמאָנט זיך, ווי וואָלאָדעק האָט זי באַגריסט ביים קאַטאַפאַלק.

שימעלע וועטעראן

ווען שימעלע איז אַרייַנגעקומען אין דער פֿאַבריק און דער ריח פֿון נאַפֿט, בענזין און פֿאַרב האָט אים אַ שלאָג געטון אין דער נאָז, האָט ער דערפֿילט, ווי ער פֿאַרלירט דעם אָטעם, נישט אויסטועענדיק זיך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים קאָנטאָר־טיש אָפּרוען אַביסל.

— אוף, אוף! — בלאָזט ער מיט זיינע דינע באַקן און זיינע ווייסע וואָנסעס, ווי שטיקלעך וואַטע הייבן זיך אַזש.

ביי יעדן אָטעם־ציִ לאָזט ער אַרויס אַ געדיכטע פּאַרע פֿון מויל, וועלכע צעלויפֿט זיך איבער דער קאַלטער שטוב. ער ווישט זיך אויס, די פֿון ווינט פֿייכט־געוואָרענע אויגן און מיט דעם זעלבן טיכל ווישט ער אַרום דעם אינעווייניקסטן ראַנד פֿון זיין האַרטן הוט, וואָס איז ביי אים פֿאַרשוויצט גע־וואָרן, טראָץ דעם גרויסן פֿראָסט.

ער שלעפּט אַרויס פֿון טאַש אַ גרויסע טערמאָ־פֿלאַש מיט טיי, שטעלט זי אַוועק אין אַ ווינקל, טוט זיך אויס דעם פּאַלטן מיטן אויסגעריבענעם פֿאָקענעם קאָלנער און נעמט זיך צום האָלץ־האַקן.

ער קלאַפּט מיט דעם טאָפּאָרעקל איינמאָל און נאָכאַמאָל. די שאַרף שניידט זיך אין האָלץ נישט איין. זיין שטערן ווערט באַגאָסן מיט שוויס־טראָפּנס און די האַנט הייבט זיך נישט

מער. ער נעמט דאַן אַרויס פון טאַש אַ מעסערל און נעמט שניצן שפּענדלעך. ער שניידט גאַנץ דינינקע שטיקלעך, דורכ־זיכטיקע, וועלכע וויקלען זיך, פאַלנדיק ווי שאָלעכץ פון עפּל.

ער טאַנצט אַרום איבער דער שטוב, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, ווי ער וואָלט נישט געקענט דערשלעפּן זיינע שמאָלע פּלייצעלעך, זיין נאַקעטע לישינע שלאָגט זיך אָפּ ווייס, ווי אַ גיפּסענער שאַרבן.

ווען דאָס פייער הויבט זיך אָן, וואַרפט ער אַריין די שייטלעך ...

ווען דאָס פייער הוזשעט שוין, פּאַקט ער אויס צוויי דינע שייבלעך ברויט, לייגט אַרויף אויפן אויוון צום בראָטן.

דערווייל הויבן אָן קומען יינגע חברה. שימעלע נעמט אַרויס דעם גרויסן טאַשן־זייגער.

— צען מינוט נאָך נאַן — זאָגט ער — איעך אָן אַלטער מאַן קען קימען אַכט אַ זייגער צי דער אַרבעט און פייער מאַכן און איר קענט אַפילו נאַן אַ זייגער נישט קימען.

— זאָל עס דעם זיידעשי נישט אַרן — ענטפערט אים זיין אייניקל, וועלכער לערנט זיך דאָס פאַך.

— דער באַלעבאָס פרעגט דאָך מיעך. — שפּרייט דער אַלטער אויס די הענט פאַרצווייפלט.

— זיידעשי, וואַרעמט זיך אַביסל אָן — חוזקט דער לייגער.

שימעלע זאָגט נאָך עפּעס, נאָר זיין שטים ווערט פאַרטויבט דורכן גערויש פון דער מאַשין.

דער אַלטער פּאַקט אויס פון אַ שטיקל פּאַפּיר אַ טיילעכל קנאָבל, רייבט איין דאָס געבראָטענע ברויט, גיסט זיך איין אין אַלומיניום־בעכער טיי, שלעפּט צו אַ קעסטל צום אייוועלע און זעצט זיך עסן.

ער דרייט דאָס שטיקל ברויט אַהין און אַהער אויף דער צונג, וואַרפט עס איבער פון איין פאַרפוילטן פּיניעק אויפן

צוויטן, בייסט עס מיט די יאַסלעס, קוועטשט עס אויפן גימען, ביז ער שלינגט עס ענדלעך אַראָפּ נאָך נישט אַ צעקייעטעס.

אינמיטן עסן דערזעט שימעלע דעם באַלעבאָס, שנעל לויפט ער צו מיט גענזענע טריט צום טיש, כאַפּט אַ שטעג, וואַרפט אים אַריין אויף דעם געהעריקן אָרט, נעמט אַ קאָרעקטור אין האַנט און פאַרטיפט זיך, ווי אַ ייד איבער דער גמרא.

— זע נאָר, וואָס מיינט מען דאָ מיט דעם צייכן? — גייט ער צו צום אַרבעטס־געבער — איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ צו מאַכן.

דער געפרעגטער גיט אַ קוק און ווייזט אים:

— איבערשטעלן די שורה — און גייט אַוועק. שימעלע לויפט אים אָבער נאָך ריידנדיק.

— נעכטן האָב איך שוין צוגעגרייט די צוויי בויגן צו דער מאַשין. ס'איז געווען דערביי אַזויפיל אַרבעט, אַז כ'האָב אַלץ געמוזט איבערמאַכן פון דאָסניי, ווייסט וואָס נאָך? די פירמע האָט נעכטן טעלעפאָנירט, מעגסט דאַכט זיך די אַרבעט אָננעמען — עצהט ער מיט אַ זאָרגעוודיק פנים, ריידנדיק שטיל, קיינער זאָל נאָר חלילה נישט הערן.

דער באַלעבאָס האָט אים אויף דעם אַלעם גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַראָפּנעמענדיק פון שטעכער אַ בלעטל, זאָגט ער:

— מאַכט מיר דאָס עמודל — גיט ער שימעלען אַ געדרוקט שער־בלעטל — איך וועל עס באַלד געבן אין מאַשין אַריין.

— איך האָב דאָך שוין פאַר דער מאַשין אָנגעגרייט...

— מאַכט, וואָס מען הייסט אייך.

— שוין, שוין. כ'האָב געמיינט, אַז...

דער באַלעבאָס איז פון אים אַוועק. שימעלע קוקט לאַנג אויף דעם שטאַט, וואָס ער האָט געקריגן. ער טוט אויס די

ברילן. קוקט פון דערווייטנס, מרוזשנדיק מיט די אויגן, טוט ווידער אָן די ברילן.

— זע נאָר, בעניעק — רופט ער צו דאָס אייניקל — פון וועלכע שריפט איז דער מחבר געזעצט?

דאָס אייניקל ווייזט אים אָן אַ קאַסטן. דער אַלטער זעצט זיך אַראָפּ, צו דעם קאַסטן. ציט מיטן גאַנצן כוח, ווי ער וואָלט געשלעפּט אַן אייזערנע פאַרשלאָסענע קאַסעטע.

— העלף מיר צו בעניעק! — רופט ער.

דער קליינער רוקט אַרויס דעם קאַסטן שריפט, לייכט, ווי אַ טיש-שופלאָד.

שימעלע נעמט זוכן אין די שמאָלע, פאַרשטויבטע פאַכלעך, גראַבלט אַרויס מיט די דאַרע פינגער, ווי שטיקלעך פּיעטרושקע אַן אות און שטעלט אים אין ווינקל אַריין. ביי יעדע בוכשטאַב טעמט ער אָפּ, מאַכט אַ פּויזע, גיט אַ קרעכץ, פאַרטראַכט זיך אַביסל, ווי ער וואָלט געשטעלט שאַך-פיגורן.

די קניען נעמען ביי אים ציטערן, פאַר די אויגן שוועבן אים פונקען און גרויסע רעדער. אַדורכגעווייקטער אין שווייס שטעלט ער זיך אויף.

אַ האַלב וואָרט איז שוין אויסגעזעצט.

— אוף, בעניעק! כ׳בעט דיך דערלאַנג מיר אַהער די טערמאָ-פלאַש. כ׳וועל מיר נעמען אַביסל טיי.

* * *

האָט דער פאַריין איינגעאָרדנט אַ פייערונג, איז שימעלע געקומען מיט זיין ווייב, אַ דיקע, אַ צעגאָסענע, זיי האָבן זיך געזעצט אין דער ערשטער רייע.

און ווען דער פּאָרזיצער האָט געענדיקט זיין דערעפענונגס־רעדע, האָט שימעלע שטאַרק אַפּלאָדירט:

— בראַוואָ! בי־איז, בי־איז!

נאָכן ליטעראַרישן טייל, ווען דער פּאָרזיצער איז געזעסן אין בופעט־זאַל מיט נאָך צוויי חברים, קומט שימעלע אָנצוגיין מיט אַ שמייכעלע, באַוועגנדיק שנעל מיט זיין פוקסן גאָמבעלע:

— האָסט האָנט גיט גערעדט, לאָזער, אויסגעצייכנט! — זאָגט ער, קרייענדיק ווי אַ יינג הענדל און זיינע גלאַנציקע אויגן באַטאַפּן דאָס פלעשל — וואָסאַראַ מאַרקע איז עס?

— ווען מאַכן אַ שנעפּסל? — פרעגט דער פּאָרזיצער און גיסט איין.

— איינס איז קיינס — זאָגט שימעלע נאָכן ערשטן גלעזל און ער גיסט זיך איין נאָך איינס.

יעצט האָט זיך אים די צונג אויפגעפלאָנטערט.

— ביי וועמען אַרבעטסטו? — פרעגט ער זיין שכן.

— ביי ברילאַנטן!

— ביי ברילאַנטן? הע, הע, ער איז דאָך ביי מיר געווען אין דער לער, כ׳האָב אים מער ווי איינמאָל אויסגעפּאַטשט. ווייסט, די אַלע הייגטיקע באַלעבאַטעמלעך, זענען מיינע געוועזענע לערן־ייגגלעך, אמת, לאָזער?

ער צעשמייכלט זיך און שטעלט אַרויס זיינע געלע, ווייכע ציין, ווי וואַקסענע קנייטלעך.

ווען דאָס פלעשל איז שוין געווען ליידיק גייט ער צו צום אַנדערן טישל, וווּ צוויי חברים זיצן פאַרטיפט אין אַ שמועס.

שימעלע גיט איינעם אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע

— חיימל, מעגסט שוין הייסן עפּעס געבן. אויף דאַן חתונה האָסטו מיך נישט געבעטן, זיי מיך כאָטש דאָ מהנה.

און ער גיט אַ ווינק צום קעלנער.

ווען ער האָט שוין אויסגעטרונקען נאָך אַ פּאָר גלעזלעך, שאַרט ער זיך שטיל אַוועק פון טישל, טאַפּנדיק מיט די פיס דעם דיל, וויגנדיק זיך, ווי אַ פולע זאַנג, ביז ער באַגעגנט דעם סעקרעטאַר.

— קום נאָר, שמחה — רופט ער אים אַוועק אין אַ זייט פּאַרטרוילעך. דאָס וואָרט „דו" האָט ער תמיד אָקצענטירט — אפשר וואָלסטו זיך מטריח געווען, אַהין צו מיין באַלעבאָס נאָך אַ „פּאָדווישקע" פאַר מיר. ווי לאַנג וועל איך, אַן אַלטער וועטעראַן אַזוי האָרעווען פאַר דרייסיק זלאָטעס אַ וואָך?

דער סעקרעטאַר קוקט אים אָן פאַרוואונדערט:

— וואָס איז דען אייער אַרבעט אין דער דרוקעריי?

— איך פיר אָעס אַלע אַרבעטן — זאָגט שימעלע פינט־לענדיק מיט די אויגן און פון זיין מויל שלאָגט אַ ריח פון בראָנפן.

— היינט וועלן מיר וועגן דעם נישט רעדן — ענטפערט אים דער סעקרעטאַר און לויפט אַוועק.

דער אָרקעסטער הייבט אָן שפּילן אַ טאַנץ־מוזיק. עולם פאַרפולט דעם בופעט.

שימעלע הייבט די פיס צום טאַנץ און זינגט זיך צו:

— פאַר דרייסיק זלאָטעס אַ וואָך אַן אַלטער וועטראַן...

א פארדינער...

דער הימל אַן אייזיק-גראָער, אַ קאַלטער, גיסט דעם גאַנצן טאָג מיט אַ דין-שפּיזיק רעגנדל.

זילבערמאַן זיצט בײַ זיך אין צימער און קוקט אין פענצטער אַריין, האָרכט זיך צו צום דריזגען אין די שויבן, ווי ס'וואָלט זיך געשיט זאַמד.

דער רעגן צווינגט אים צו זיצן אין שטוב, וועלכע ווייעט מיט פּוסטקייט.

צום ערגסטן געפינט ער זיך אין זיין אייגענער היים, זיצנדיק צווישן זיינע פיר ווענט, קען ער פון זיך נישט פאַרטרייבן די פאַרשידענע רעיונות, וואָס דריקן דעם מוח.

דער מאָגן פאָדערט אויך דאָסזייניקיקע, ס'וויל זיך עפּעס אַן עס-טון, אַ גלאָז טיי טרינקען, הגם ער ווייסט, אַז אין דעם „פּרימוס" איז נישטאָ קיין נאַפט, נעמט ער דאָך די מאַשינקע צום וויפּלטן מאָל אין האַנט, גיט אַ טרייסל און איבערצייגט זיך נאָכאַמאָל, אַז מ'קען נישט אָנצינדן.

ער שלעפּט דאַן אַרויס פון אַלע טאַשן אַ פּאָר מטבעות, ציילט איבער און רעכנט אויס:

— אַזויפיל אויף נאַכטעסן, אַזויפיל אויף מאָרגן און נאָכדעם, ווי ער זעט, אַז עס לאַנגט נישט אויפן מאָרגנדיקן טאָג,

שאָקלט ער אַ פּאָר מאָל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אַליין באַדויערט און שיט צוריק דאָס ביסל קליינגעלט אין דער הויזן-קעשענע.

ער וואַרפט ווידער אַ בליק אויפן דרויסן, די גראָקייט יאָגט אויף אים אָן אַ מרה-שחורה.

ער נעמט אַרויס פון שאַנק אַן אַלטן פּאַלטן, באַטראַכט אים גוט, מעסט אים אָן, שטעלט זיך פאַרן שפּיגל, הויבט אויף דעם קאָלנער, מאַכט אים ווידער אַראָפּ, פּרובירט צו טראָגן אויפגעקנעפּלט, אָבער ס׳גייט נישט, די אַרבל אויסגעריבן, אָן קנעפּ און דערצו נאָך צעקנייטשט.

ער וואַרפט דאַן אַראָפּ פון זיך דעם פּאַלטן, ווי ער וואָלט אומריין געווען, פאַרקנעפּלט זיך גוט די מאַרינאַרקע, זוכט אויס אַ שטעקן, שטויסט אַרויס די ברוסט, ווי אַן אָפיציר אויף אַ פּאַראַד, און עפנט אויף די טיר מיט אַ געקינצלטער מונטערקייט.

— גוטן-אָוונט, באַלעבאָסטע — זאָגט ער צו דערווירטין אַדורכגייענדיק.

— איז אייך נישט קאַלט, אַזוי לייכט? — פרעגט זי אים באַזאָרגט.

— איר מוזט וויסן, אַז איך בין אַ ספּאָרטלער — ענטפערט ער מיט אַ הויך-געהויבענעם קאָפּ — אין אַזאַ טאָג ווי היינט, גייט מען ביי אונז אַפילו אָן אַ הוט אַרויס אין גאַס, דער מענטש מוז זיך האַרטעווען.

אַרויסקומענדיק אין גאַס, האָט ער גענומען לויפן שנעל, אָבער דער ווינט האָט אים נאָכגעיאָגט, אַריינגעגנבעט זיך הינטער דעם קאָלנער און געקילט דאָס לייב.

ער האַלט זיך שטייף, דרייט מיט דעם שטעקן אינדערלופט, ווי דער רעגן וואָלט אים גאָרנישט אנגעגאַנגען.

— האַלאָ! חברטע בראָניע! — רופט ער אַריבער צו אַ פּאַר־בייגייענדיק מיידל — כ׳גיי טאָקע צו אייך.

זי שטעלט אויס אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן, פאַרליִרט זיך אַביסל.

— הם, הם, כ׳גיי אָבער נישט אַהיים — זאָגט זי, ווי זי וואָלט דאָס באַדויערט.

ער דערקענט ביי איר אַן אומווילן. שוין ציט ער אויס צו איר די האַנט, זיך צו געזעגענען, נאָר ווי ער דערשפּירט אירע וואַרעמע פינגערלעך, האַלט ער זיי אַביסל לענגער און פרעגט וויל־ייִנגעריש:

— וווהין איילט איר אייגנטלעך?

— צו מירקען!

— צו מירקען? וועל איך נישט מיט אַרויפגיין, מיינט איר? כ׳קלייב זיך שוין לאַנג ביי איר צו מאַכן אַ באַזוך.

נעמענדיק דאָס מיידל אונטערן אָרעם, גייט ער מיט אַ צע־שמייכלט פּנים, אונטערטאַנצנדיק, לאַכנדיק הויך, ווי זיי וואָלטן געווען אַליין.

אַריינקומענדיק צו מירקען, האָט ער זיך האַרציק באַגריסט, יעדן פון די אַנוועזנדיקע געזאָגט עפּעס אַ קאָמפּלימענט.

— גוטן־אָוונט, שיינע מירקע! — באַגריסט ער זיך מיט דער באַלעבאָסטע פון דער שטוב. אין דער זייט האָט ער באַ־מערקט אַ ניי פּנים, אַ יינג מיידל, ער גייט צו, שטעלט זיך פאָר מיט אַ העפלעכער פאַרבויגונג:

— מיין נאָמען איז זילבערמאַן, ווי הייסט איר?

— עווא!

— עווא? — פרעגט ער איבער — אַ שיינער נאָמען. פירט מיך נאָר נישט צו קיין זינד, ווי אונזער מאַמע חוה האָט דאָס געקענט — גראָזשעט ער איר אין פּנים און לאַכט אַליין.

— אין חוהס צייטן איז נאָך קיין פעמיניסטישע באַוועגונג נישט געווען — ענטפערט זי שטיפעריש.

- כאַ, כאַ — לאַכט ער הויך אַרויס, ער איבער־שרייט אַלעמען, ער לאַכט אַזוי לאַנג, ביז ער ציט צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט — ערן־וואָרט — זאָגט ער — ווי אַזאַ מיידל געפעלט מיר, כ׳האָב נעכטן אָנגעשריבן אַ נאָוועלע, פיגורירט דאָרט אַזאַ טיפ, איך האָב אפילו דעם כבוד נישט געהאַט אזעלכע צו קענען, נאָר כ׳האָב מיר זי פאָרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע.

— איר זייט אַ שרייבער? — פרעגט אים דאָס מיידל מיט אַ הייטערער נייגיריקייט.

— היינט שרייב איך נאָר אַלס אַמאַטאָר, אָבער איך בין געווען קאָרעספאָנדענט פון ניו־יאָרקער „פרייהייט״, אין דער דייטשער „נייע־פרייע־פרעסע״ און אין וואַרשע בין איך געווען מיטגרינדער פון אַ יידישער אָוונט־צייטונג.

דאָס מיידל קוקט אויף אים מיט אָפשיי און ווען זי פרעגט אים, פאַרוואָס ער אַרבעט יעצט נישט מיט אין קיין צייטונג, ענטפערט ער קורץ:

— די פּאַרטיי האָט מיר פאַרבאָטן מיטצואַרבעטן אין אַ בירגערלעכער צייטונג.

ער קלערט שוין וואָס צו זאָגן, ווען זי וועט אים פרעגן, פאַרוואָס ער אַרבעט נישט מיט אין דער פּראָלעטאַרישער פּרעסע.

אָבער אַ צווייט מיידל פרעגט אים פונדערזייט:

— פאַניע זילבערמאַן, ווען ברענגט איר מיר אָפּ דאָס זייגערל?

אינאָנפאַנג מאַכט ער זיך נישט הערן, נאָר ווען זי פרעגט אים נאָכאַמאָל איבער דעמאָנסטראַטיוו ענטפערט ער, אַזוי כלאחר־יד:

— כ׳וועל עס אייך מאָרגן באַזאָרגן — און נעמט ווייטער דערציילן, אָבער זיין צוהערערקע פרעגט אים.

— איר זייט אַ זייגערמאַכער?

— ניין! — זאָגט ער — איך האָב געענדיקט אַלס אינזשיניער-מעכאַניק. אין דער מלחמה-צייט האָב איך געאַרבעט אין אַן אַעראָפּלאַן-פאַבריק, און אַזוי ווי דער פּאָליאַק באַיקאָטירט יידן — רעדט ער מיט אַ גמרא-ניגון — האָב איך נישט קיין באַשעפטיקונג, מאַך איך דערווייל צורעכט זייגערלעך. איך קען דאָך אַלערליי מאַשינעריע. צו דעם ברויך איך נישט קיין גרויסע לאָקאַלן, איך אַרבעט מיר שטיל און פאַרדין מיר גאַנץ גוט.

זאָגנדיק, אַז ס׳פאַרדינט זיך גוט, קלערט זיך אים דערווייל, ווו צו שאַפן עפּעס געלט.

אין מויל איז אים טרוקן. ער קוקט אויפן טיש, צי די באַלעבאָסטע איז נישט מיט עפּעס מכבד.

— פריילין מירקע! — ווענדעט ער זיך פלוצים צו דער אייגנטימערין פון דער שטוב — אפשר קען איך קריגן אַ גלאָז טיי? כ׳האָב היינט געגעסן אַ געזאַלצן מיטאָג.

— נישטאָ קיין פייער! — ענטפערט זי קאַלט.

— וועל איך אַליין פייער מאַכן! — וויל ער ביי זיך נישט פאַלן.

— ווען איר מוזט עס שוין דווקא האָבן, וועל איך עס שוין אַליין טון — ענטפערט זי און נעמט זיך פאָרען אין דערווירטשאַפט.

ווען ער דערהערט, ווי דער טשאַיניק זידט און סיקעט, ווערט ער לעבעדיקער, ער נעמט בראָניען ביי דער האַנט און זאָגט דיסקרעט:

— קום נאָר, בראָנטשעלע, איך וויל דיך עפּעס פרעגן.

— קודם־כל, וואָס זאָגט איר מיר עפּעס „דו״? — רעדט זי הויך, רויט ווערנדיק — און צווייטנס, איך האָב נישט קיין סעקרעטן.

זילבערמאַן באַמיט זיך צו שמייכלען, הוסט זיך אויס, נעמט אַרויס אַ נישט־ריין נאָז־טיכל, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס און מכּלומרשט אַ ברוגזער, זאָגט ער:

— כ׳וועל דיך נישט מער ליב האָבן.

— ווער ברויכט דען אייער ליבע? — זאָגט זי אים צוריק קאַפּריזנע.

ס׳טוט אים שוין באַנג, וואָס ער האָט דאָס וואָרט „ליבע״ דערמאָנט, ער ווייסט, אַז ווען ער איז זיך צעגאַנגען מיט זיין פרוי, האָט בראָניע געהאַלטן פאַר דער פרויס צד.

— אַזאַ שלימזל, ווי איך בין — זאָגט ער זיך אין געדאַנק — איך האָב טאַקע פון איר עפּעס געוואָלט געוואָרן, יעצט האָב איך עס קאַליע געמאַכט.

ווען זיי האָבן געטרונקען טיי, האָט די באַלעבאָסטע געגנוּ־מען עפּעס עסן. נישט־ווילנדיק האָט ער כּסדר געמוזט קוקן אויף די ברוינע זעמעלעך מיט פּוטער.

— נעמען אַ זעמל? — פרעגט ער זיך — ניין — ענט־פערט ער זיך — נישט שיין, ס׳פּאַסט נישט — נאָר זיין האַנט האָט זיך אַליין אויסגעצויגן און אַ נעם געטון אַ ווייך שטיקל געבעקס און אַריינגעביסן.

— אַז מען זעט עסן, שמעקט עס — זאָגט ער און באַדויערט אין געדאַנק, פאַרוואָס ער האָט עס גענומען.

אָוועקגייענדיק, האָט ער מירקען לאַנג געדריקט די האַנט, נידעריק זיך אַראָפּגעבויגן און צוגעלייגט זיינע ליפּן צו אירע פינגער, דערנאָך איר געקוקט אין די אויגן אַריין, צו זען, צי זי איז נישט בייז.

* * *

צומאָרגנס איז ער געזעסן ביי זיך אין צימער אָן אַ מאַ־רינאַרקע, דאָס אויבערהעמד נישט פאַרקנעפּלט און געאַרבעט ביי אַ זייגערל.

אויף דעם קליינעם טישל ליגן אָנגעלייגט פאַרשידענע שרייפלעך, רעדעלעך, צווענגעלעך, אַ פּאָר ליידיקע, אייזערנע קאָפּערטלעך און אַ סקעלעט פון אַ געוועוק.

האַלטנדיק די לופּע אויף אַן אויג, אויספּרווונדיק צום צעטן מאָל דאָס זייגערל, איידער ער לייגט עס אַוועק, דער־מאָנט ער זיך, ווי צודרינגלעך זי האָט אים נעכטן ווען דעמ־זעלבן געמאָנט.

אינגאַנצן ליגט עס ערשט ביי מיר אַ צוויי חדשים, וואָס איילט זי זיך אַזוי?

אַ לייכט קלאַפּן אין טיר האָט אים איבערגעריסן די געדאַנקען.

— אַריין! — רופט ער, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

ווען ער דערזעט דעם אַריינגעקומענעם, פאַרלירט ער זיך אינגאַנצן, ער גיט זיך אַ הויב פון אָרט, גייט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב, יעדעסמאָל אָנטאַפּנדיק עפּעס אַנדערש, נערוועז, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

— איר דערקענט מיך נישט? — פרעגט דער אַריינ־געקומענער.

— יאָ, כ׳דערקען אייך, אָבער איך האָב אייך נאָך גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— ווי לאַנג זאָל איך לויפן צו אייך נאָך די נאַרישע פּאָר זלאָטעס? — שרייט יענער.

— ששש! בייזערט זיך נישט אַזוי — בעט זיך זילבערמאַן — איך וועל דאָך אייך נישט באַהאַלטן — רעדט ער און קלערט, וואָסער אויסרייד צו זאָגן.

— צו וואָס באַרג איך מיר צו אַלדע רוחות? — שגצט ער זיך אַליין אויס אין געדאַנק — אַז כ׳ווייס נישט פון ווו כ׳וועל נעמען אָפּצוגעבן.

— וויפיל מאָל זאָל איך אַזוי לויפן צו אייך? — שרייט יענער—איר האַלט דאָך מיך פאַר אַ נאַר מיט אייער אָפּשלעפּעניש.

זילבערמאַנס בליקן פאַלן אויף דעם גאָלדענעם זייגערל, וואָס ער האָט ערשט פאַרטיק געמאַכט.

— אפשר אים דאָס פאַרקויפן? — קלערט ער — ווען כ׳וועל פאַרדינען, וועל איך איר צוריקקויפן אַן אַנדערס.

— אפשר וועט איר קויפן אַ גאָלדן זייגערל? — פרעגט ער — איר וועט נישט ברויכן קיין סך צוצאָלן, ס׳איז פון דער בעסטער קוואַליטעט.

יענער נעמט עס באַטראַכטן, דערווייל קלערט זילבערמאַן: — וואָס וועט זיין, ווען כ׳וועל אַזוי שנעל נישט פאַרדינען אָפּצוקויפן אַן אַנדערס?

און ווען יענער האָט אים געפרעגט אַ פּרייז, האָט זילבערמאַן מיט אַ כיוון געזאָגט מער, כדי ס׳זאָל יענעם נישט לוינען, אָבער גראָד האָט ער זיך נישט געדונגען.

זילבערמאַן קען זיך אַלץ נישט אַנטשליסן, צי ער זאָל עס פאַרקויפן.

— כ׳וועל וואַרפן גורל — זאָגט ער זיך — כ׳וועל גיין פון בעט ביז צום פענצטער און ציילן די טריט: וועט אויספאַלן

אַ גראָד, וועל איך עס פאַרקויפן, וועט אויספאַלן אַן אים, וועל איך עס נישט טון.

ער שפרייזט איבער דער שטוב, ציילט אינדערשטיל, און ווען ער קומט צום פענצטער, קומט אויס עלף.

— ניין, כ׳טאָר עס נישט פאַרקויפן — זאָגט ער זיך.

אָט וויל ער שוין צוריקגיין נאָכאַמאָל ציילן, אָבער ער קען נישט — כ׳האָב מיר אַזוי פאָרגענומען, פאַרפאַלן.

ער בלייבט שטיין, קוקנדיק אין הימל אַריין, ווי אַ פּאַ-נאַטיקער, וואָס בעט דאָרט נאָך הילף.

— כ׳האָב מיך דערמאָנט — זאָגט ער — אַז כ׳האָב עס שוין אַן אַנדערן צוגעזאָגט.

און צוריקגייענדיק, רעדט ער עפּעס מיט דעם גאַסט און אין די געדאַנקען ציילט ער די טריט — אפשר האָב איך נישט גוט געציילט... אָבער פאַרפאַלן, אַ גורל איז אַ גורל — האַלט ער זיך פעסט.

נאָר די פיס נעמען שפּרייזן אַביסעלע ברייטערע שריט און ביז ער קומט צו צום בעט, האָט ער אָפּגעציילט צען.

— ס׳איז גוט, אַ גראָד — זאָגט ער זיך — און הגם טיף אינערלעך פילט ער, אַז ער גענאַרט זיך אַליין אָפּ, כאַפּט ער זיך צוריק און זאָגט יענעם:

— כ׳קען עס אייך יאָ פאַרקויפן, כ׳ברויך גראָד געלט.

ווען ער האָט געהאַט די פּאָר גילדן אין טאַש, האָט ער יענעם נישט פריער אַוועקגעלאָזט, ביז זיי זענען צוזאַמען אַראָפּגעגאַנגען.

— קומט מיט אַריין טרינקען אַ גלעזל ביר! — האַלט ער יענעם פעסט.

זיי האָבן אויסגעטרונקען אַ צוויי גלעזלעך און עפּעס

פֿאַרביסן אויך, זילבערמאַן האָט פֿאַר אַלעם געצאָלט און יענעם נאָך מיטגעגעבן אַ פּאַפּיראָס אויפֿן וועג.

ווען ער איז פֿאַרנאַכט אַהיימגעקומען, האָט ער פֿאַר דער באַלעבאָסטעס קינד מיטגעבראַכט אַ האָלצערן פֿערדל.

— נאַ — זאָגט ער צום קינד — און ווייס, אַז זילבערמאַן האָט דיך ליב.

אַרײַנקומענדיק צו זיך אין שטוב, האָט ער זיך געוואָרפֿן אויפֿן בעט, מיט אַ צײַטונג אין האַנט. באַלד האָט ער דערפֿילט אַ רויִקע מידיקייט. די צײַטונג איז אים אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד, זײַן ליכט כראָפּען האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די ווענט.

און ווען ער האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן, האָט שוין דער פֿרימאָרגן געגלעט די שויבן און אַרײַנגעשיקט אַ העל-גאָלדענע ליכט.

לײַכט, ווי אַ ייִנגל, איז ער אַראָפּ פֿון בעט.

ווי ער דערזעט זיך אין אָנטועכץ, דערמאָנט ער זיך דעם נעכטיקן מסחר.

— ווען כ'וועל פֿאַרדינען, וועל איך דאָך זיכער צוריק-קויפֿן אַן אַנדערס, קודם האָב איך דאָך געדעקט אַ חוב — זאָגט ער צו זיך.

— ווער ווייס, ווי זי וועט מיך פּײַניקן וועגן דעם נאַרישן זייגערל — קלערט ער ווײַטער — זי וועט מיך אַוודאי נאָך חושד זײַן אין שווינדל אויך.

— אָבער ווו נעמט מען ווידער עפּעס אַ פֿאַרדינסטל ?

מאסקעס

אַ געגנעצדיקע לאַנגווייליקייט האָט געשוועבט איבערן שטיבל. די גרופּע חברים און חברטעס זענען געזעסן אַרום דעם טיש מיט פאַרגליווערטע פּנימער. די שטימונג איז נאָך געווען הײנט אַ שטילע, אַן אידילישע.

זאָלן מיר שפּילן „קאָמעדיע דע ל'אַרט" — שלאָגט פאָר געצל, אַ מיטל-וווּקסיקער מיט אַ פּאָר שפּיציקע פּלייצעס און אַרויסשטאַרצנדיקע לאָפּאַטקעס, ווי בײַ אַ דאַרע קאָזע.

ער שטעלט זיך אויף, גייט מיט שווערע באַוועגונגען, די הענט באָמבלען אים אַראָפּ, ווי אָפּגעבראָכענע צווייגן, ער שלעפּט די פיס, ווי די קניען וואָלטן זיך באַוועגט אויף שפּרענזינעס.

זײַן פּנים איז בלוי, ווי אַ מילך, די דיקע נאָז, וועלכע רעדט מיט אַ פּאָליפּ, לאָזט ווייניק אָנזען די אויבערשטע ליפּ.

— קומט, חברטע בערטאַ — נעמט ער בײַ דער האַנט אַ מיידל אין די עלטערע יאָרן, מיט אַ פּאָר גרויסע אומרויִקע אויגן — איר וועט זײַן קאָלאָמבינע.

זי וויל נישט אויפשטיין.

— זינגט בעסער עפּעס — בעט זי זיך בײַ אים.

— איך וויל מיט אײַך בעסער שפּילן אין ליבע — זאָגט ער מיט אַ פילדייטיקן שמייכל און גלעט מיט זײַנע אויגן איר

שטאַרקן פּראָפיל, זיינע בליקן בלייבן צוגעקלעפּט אין די פאַלדן פון אירע קליידער.

ווי אַ פּאַיאַץ, וואָס וויל אַמוזירן אַן עולם, נעמט ער אימפּראָוויזירן די פּראָזע פון אַ פאַרליבטן אַרלעקין. ער ווענדט זיך כסדר מיט די האַרציקסטע ווערטער צו בערטען.

אַזוי ווי געוויקסן, וואָס איבערציען זיך מיט דער פייכט־קייט פון מאָרגנטוי, איבערציען זיך אירע באַקן מיט פּורפּור־רויט אונטער דעם איינדרוק פון זיינע פּראָזן; זי הערט שוין נישט, אַז ער רעדט מיט אַ פּאַליפּ, זי זעט יעצט נישט זיינע רויט־אַרומגעצוימטע אויגן.

— זינגט בעסער עפּעס אַ פאָלקסליד — רופט זיך אָן אַ צווייט מיידל, אַ יונגערע מיט אַ בלאָנדן קאָפּ, אַ דינע און אַ בויגעוודיקע, ווי אַ שלאַנג.

— ניין, ניין, שפּילט ווייטער — בעט אים בערטאַ.

ס׳וויל זיך איר הערן זיינע צערטלעכע ווערטער. ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי מיטגעשפּילט.

ער גייט איבער אין געזאַנג, ער זינגט מיט אַ שוואַכער שטימע, אָבער מיט געפיל, מען הערט זיך גערן צו צו אים, אָבער ער רייסט באַלד איבער, ער פילט זיך אָנגעשטרענגט, דאָס האַרץ נעמט צו שטאַרק קלאַפּן.

ס׳קומט אַריין דניאל, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ צע־שמייכלט פּנים, ער באַטראַכט אַלעמען, גייט צו מיט לאַנגזאַמע אָבער ברייטע שריט צום מלבושים־הענגער, גיט אַ פּיר מיט דער האַנט איבער דער וואַנט, צי דער טינק שמירט נישט אַמאָל און ווען דער פאַלטן הענגט שוין, תּראָבירט ער דעם האָק, צי ער איז נישט לויז, נעמט אַ שטול, ווישט אים אָפּ און איידער ער זעצט זיך, ציט ער אביסל אַרויף די הויזן, כּדי די קניען זאָלן נישט אַרויסשטויסן דעם פּרעס.

ער נעמט אַרויס פון שעכטעלע „דעם לעצטן פּאַפּיראָס", קוועטשט צונויף דאָס קערטל, קלאַפּט מיט אים אַ פּאָר מאָל אויפן נאָגל פון גראָבן פינגער, קוקט נאָך, צי דער טאַבאַק האָט זיך גוט אַראָפּגעשטאָפּט און בעט ביי געצלען פייער.

אַלע זעצן זיך ווידער אַרום דעם טיש, געצל לייגט זיין אָרעם אַרום בערטעס האַלז, איבער דער שטוב וואָלקנט זיך דער פּאַפּיראָסן־רויך און פאַרנעפּלט די גאַנצע גרופּע אין איין קנויל.

— איר האָט נישט ביי זיך די היינטיקע צייטונג? — פרעגט דניאל זיין נאָנטסטן שכן.

— יאָ!

— קען איך זי נעמען? — פרעגט ער שטיל — כ׳וועל זי מאָרגן לייענען.

ווען ער קריגט אַ גיגנציקן ענטפער, לייגט ער זי צו אין די ריכטיקע קנייטשן, פרעסט זי גוט צוזאַמען, אַז די קע־שענע זאָל נישט אָפּשטיין.

דערנאָך זעצט ער זיך צו דעם בלאָנדן מיידל, נעמט איר הענטל אין זיינע פינגער. ער גלעט אירע דינע מאַניקירטע נעגעלען, צאַרט, פּאַטערלעך, באַטראַכט זי לאַנג און פרעגט איר שטיל, פייערלעך, ווי ס׳וואָלט געווען אַ וויכטיקע אַנט־שיידנדיקע לעבנס־פראַגע:

— וואָס הערט זיך?

זי באַוועגט מיט די אַקסלען, ציט צוזאַמען די מוילנווינקלען אין אַ לייכטן שמייכל.

— איר הערט דאָך — העלפט זי זיך אַרויס, אַנווייזנדיק אויף געצלען, וועלכער דערציילט גראָד, אַז אין רעוווי־טעאַטער גיט מען אַ נייעם פּראָגראַם.

— גייט שוין — גיט דניאל אַ מאַך מיט דער האַנט ביטולדיק.

זי פאַרשטייט נישט, וואָס ער מיינט דערמיט און פרעגט אים:

— איר זייט שוין דאָרט געווען?

— אַ רעווי, אויך מיר אַ טעאַטער — ציט ער מיט דער נאָז.

געצל דערציילט ווייטער וועגן די גירלס, וועלכע טאַנצן כמעט נאַקעט.

— זיי זענען הערלעך — זאָגט ער מיט אַנטציקונג — קערפּערלעך, בלוט און מילך.

ווען דניאל דערהערט דאָס וואָרט „קערפּערלעך", הויבט ער אויף דעם קאָפּ, ווי אַ האָן, ווען ער דערזעט אַ הין אויפן לייטער און פרעגט:

— וואָס האָט איר געזאָגט וועגן די גירלס?

— זיי טאַנצן נאַקעט! — ענטפערט געצל.

— נאַקעט, אינגאַנצן נאַקעט? — פרעגט דניאל איבער. זיין גאַנץ פּנים צעשמייכלט זיך אין דינע קנייטשעלעך, ווי אַן אָפּגעלעגענער עפּל.

— נישט אינגאַנצן, אָבער כמעט — ענטפערט געצל אומווילּיק.

— זיי זענען שיינע?

— ווען איר זעט זיי, וואָלט אייך דאָס בלוט אין די אָדערן אויפגעקאָכט — ציט אים געצל אָן.

— וויפיל, אַסך?

— איר וועט גענוג האָבן!

— זיי זענען יינגע, יינגע? — פרעגט ער ווייטער.

געצל ווערט אומגעדולדיק און ענטפערט אים מיט אויפרעגונג:

— גייט, וועט איר זען!

— וואָס איך קאָן דאָרטן זען — רעדט דניאל מיט גרינג-

שעצונג — אַ נאַרישע טענצערן דאָרטן! וואָס האָט דאָס צוטון מיט, מיט — ער זוכט נאָך ווערטער — מיט קונסט, מיט קולטור, דאָס גיט דאָך מיר נישט קיין, קיין שום געגוס.

ער רעדט לאַנג, איבערחזרנדיק יעדעס וואָרט עטלעכע מאָל, קוקט אַלעמען אָן מיט אַ שמייכל, צי זיין רעדן מאַכט אַן איינדרוק. ס׳דערקענט זיך, אַז ער קען זיך נישט אַרויס־פּלאָנטערן.

אינדערזייט נעמט דערוויל יעדער עפּעס רעדן פאַר זיך אויפן אויער, ער באַמערקט עס און רופט צו מיט אויפרעגונג:

— לאָזט אויסרעדן אַ וואָרט, לייגט אויף אַ מינוט אַוועק אייערע נאַרישקייטן.

און ער הויבט אָן אויפסניי, אָבער קיינער קען זיך נישט באַצווינגען אים אויסצוהערן.

— צייט אַהיימצוגיין — זאָגט איינער.

אַלע צעלויפן זיך איבער דער שטוב, ווי נאָך אַן איבער־געקומענער שלעכטער לעקציע

די גאַס איז שוין געווען ליידיק, זעלטן־ווען האָבן זיך געהערט טריט פון אַ פאַרשפּעטיקט פּאָרל.

אַהיימגייענדיק, האָט דניאל געמאַכט אַ שטיקל אומוועג; ער האָט צושפּאַצירט צו די וויטטאַוועס פון די גירלס פאַר דעם טעאַטערל און זיך לאַנג איינגעקוקט אין די בילדער.

די הייזער האָבן געדרעמלט מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַלע ווילע האָט אַ טויער אַ שנאָרך געגעבן און אויסגעשפּיגן אַ פּאָר לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס זענען באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די זייטיקע גאַסן.

פאַר אַ מאַסיוו הויז שטייען געצל און בערטאַ, ווי האַלטן זיך צוזאַמענגעפּרעסט ווי אַ געפלאָכטענע חלה.

זיין קערפער וואַרעמט זי אײנגאַנצן, ווי אַ הון דאָס איי צום אויסבריִען.

— איך וועל נישט לאַנג זיצן ביי אייך — רעדט גע... בערטען אין אויער אַריין — ס׳איז נאָך צו פרי פאַר מי... אַהיימצוגיין; איך וועל אייך פאַרלעזן מיינס אַ קליינע פּאָעמע, וואָס כ׳האָב נעכטן אָנגעשריבן.

בערטאַ פילט זיך באַליידיקט פון זיין פאַרשלאַג, זי ווי... זיך בייזערן איבער אים, אָבער איר צונג פלאָנטערט זיך, די... ווערטער דרייען זיך איר אויס און ס׳קומט אַרויס עפּעס אַנדערש.

— אַזוי שפּעט — שטאַמלט זי אַרויס — ס׳קען נאָך אימיצער הערן.

— מען דאַרף זיין זעלבסטשטענדיק, וואָס אינטערעסירן אייך די שכנים — זאָגט ער — איבעריקנס, מיר וועלן גיין שטיל.

אירע פיס דערטראָגן נישט דעם קערפּער, זי האַלט זיך אָן געצלען, ווי זי וואָלט געווען שיכּור, זי פאָלגט אים, ווי אונטער אַ היפּנאָז.

צומאָרגנס איז געצל געזעסן ביי דער אַרבעט, אַ מידער, אַ פאַרשלאָפענער, ס׳האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, אונ־טערן האַרץ־גריבל האָט ער געשפּירט אַ שטעכעניש.

בעת ער האָט אָפּגעהוסט, האָט ער געשפּירט אַ וואַרעמע ביטערקייט אין מויל און ער האָט אויסגעשפּיגן מיט אַ רויטן פלעק.

דערזעענדיק דאָס, האָט ער נאָכאַמאָל אָפּגעהוסט און ער האָט געכומען אין טיכל אַריין אַ שטיק פון זיין אייגענעם איך...

זיין פּנים איז געוואָרן בלייך, די אויגן מאַט, זיין קאָפּ האָט אויסגעזען, ווי אַ גיפּסענע מאַסקע, און ער האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ סטראַשידלע בעת אַ שטורעמווינט.

שפּעטער, אין אָוונט, איז ער געזעסן אינדערהיים איבער אַ בוך, אויף זיינע געלע באַקן האָבן זיך געריוויטלט היץ־פלע־מעלעך, ווי די פאַרב פון די ערשטע יוני־קאַרשן.

זיינע בלאַסע ביינערדיקע פינגער האָבן געלייגט אין מויל אַריין שטיקעלעך אייז פון אַ גלעזערן טעצל און איבער דער שטוב האָט געשוועבט אַ ריח פון וואַלעריאַן.

* *
*

אַרום צען אַ זייגער האָט פרוי בירנבוים אַוועקגעשיקט די דינסט מיטן קינד און איר אָנגעזאָגט, אַז אויף צוויי אַ זייגער זאָל זי זיין צוריק.

זי האָט געזען, אַז דאָס וועטער איז טריב, נאָר דאָס היינטיקע באַגעגעניש זאָגט איר אַזויפיל צו, אַז זי פילט די נויטוונעדיקייט צו בלייבן אַליין.

פונקט ווי אַ קאַץ, וואָס דערפילט דאָס מייזל אונטער דעם דיל, האָט זי דערקענט דעם קלינג אין דער טיר. זי האָט אפילו נישט געפרעגט, ווער ס'איז, נאָר גלייך געעפנט.

דניאל קומט אַריין דזשענטלמעניש, ווי פאַר אַ האַלב יאָר צוריק, ווי פאַר אַ יאָר צוריק, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט נעכטן באַקאָנט.

— וואָס מאַכט איר? — איז זיין ערשטע פראַגע.

ער קוקט זיך גוט אַרום, טוט זיך לאַנגזאַם אויס דעם פאַלטן, מאַכט אים אָפּ פון דעם קלענסטן שטויבעלע, וואָס האָט זיך געקענט אָנקלעפּן איבערן וועג, זעצט זיך צום טיש און נעמט בלעטערן אַ בוך.

די גרויע וואָלקנס פון הימל באַהאַלטן זיך ווייט אונטער די דעכער, די זון ווערט וואַרעמער, שיקט אַריין אירע שטראַלן דורך די טונקעלע גאַרדינען. די פרוי בירנבוים ליגט שוין

אויף דער קושעטקע און דניאל זיצט נעבן איר און לייענט איר פאָר.

— לייגט אַוועק דאָס בוך — חנדלט זי זיך.

זי פילט אים נאָענט נעבן זיך, אָבער איר אויער פאַר־נעמט נישט, וואָס ער לייענט.

זי גיט אים אַ לייכט פעטשל איבער דער האַנט, דאָס בוך פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד.

— וואָס טוט איר?... — ער קען נישט פאַרענדיקן דעם זאַץ מפלומרשט, ווייל ער דאָס בוך אויפהויבן, זי לאָזט אים נישט, זייערע הענט פאַרפלאָנטערן זיך, זי ציט אים צו זיך, זייערע ליפּן שווייסן זיך צוזאַמען, אונטער דעם גלי פון זייער הייסן אָטעם.

ווי מען ציט אַראָפּ די הויט פון אַ באַנאַנע, אַזוי ציט ער אַראָפּ פון איר די קליידער און קישט איר העלן, אַנטבלויזטן קערפּער.

— דניאל, דאָס ערשטע מאָל זענען מיר אַליין — רעדט זי ווי פון היץ, צוציענדיק אים אַלץ פעסטער צו זיך.

אירע הענט נישטערן אין זיינע קליידער, צו באַרירן זיין לייב.

טראָפּנווייז גיסט דער זייגער די מינוטן:

קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ, יעדע מינוט שטופּט אָפּ די צייט.

— קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ — הערט דניאל, ווי דער זייגער זקט זיך, אַט קען אָנקומען איר מאַן.

ס׳וויל זיך אים אויספירן דאָס, וואָס ער שטרעבט שוין פון לאַנג, נאָר עפּעס דרייט זיך אים אַרום אַ געדאַנק אין מוח און קילט אים אָפּ.

— אפשר איז זי נישט אינגאַנצן געזונט? — טראַכט זיך אים פּסדר.

— קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ — הערט ער און ער פּילט, ווי ער ווערט שוואַך, ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער האָט זיך שוין אָנגע־שטעקט פון דער בלויזער באַרירונג.

מיט שרעק ציט ער זיך צוריק, ווי פון אַ קרעציקע.

— איר זייט אַ פאַרהייראַטע פרוי — זאָגט ער איר פּאַר׳ן אויסרייד — איך קען נישט.

— איך האָב דיך ליב — שטאַמלט זי — מיין מאַן פאַר־נאַכלעסיקט מיך.

ער ציט זיך איינגאַנצן צוריק, דערמאָנט זיך, אַז ס׳איז באַלד צוויי אַ זייגער און איר מאַן קען באַלד אָנקומען.

ער וויל זי קישן, זי לאָזט זיך נישט, שטויסט אים אָפּ.

— טכויר! — רופט זי אים צו און דרייט זיך אָוועק פון אים.

צומאָרגנס, ווען ער איז נאָכאַמאָל געקומען, האָט זי אים נישט געוואָלט אויפנעמען. זי איז בייז געווען אויף זיך אַליין, פאַרוואָס זי האָט זיך פאַר אים אַזוי אָראָפּגעלאָזט.

— צו וואָס זאָלט איר ווייטער קומען? — זאָגט זי צו אים מיט אַ פרומער מינע, ווי אַ נאָנע — כ׳בין אַ פאַרהיי־ראַטע פרוי, כ׳האָב ליב מיין מאַן און קינד.— און וויגנדיק זיך אויף אירע ברייטע לענדן, רעדט זי ווייטער: — כ׳באַדויער שטאַרק, וואָס כ׳האָב זיך אַביסל פאַרגעסן, אָבער ס׳איז דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל.

ער האָט געוווסט, אַז זי זאָגט ליגנט, ס׳איז אים גוט באַקאַנט געווען אירע ליבעס־אַוואַנטורעס, אָבער ער האָט ווייטער געצויגן די ליניע פון צביעות:

— זייער שיין פון אייער זייט — זאָגט ער — דער מענטש האָט דאָך אין זיך אַביסל מאָראַל אויך, אַביסל מענטש־לעכקייט.

ער זוכט זיינע ווערטער צו באַפּוצן מיט שיינע פראַזן און אין געדאַנק טראַכט ער זיך:

— ווען כ'וואָלט נאָר זיכער געווען, אַז דו ביסט געזונט?

זיינע בליקן גלעטן איר ווייכן בוזעם, וועלכער זעט אויס, ווי אַ פּוכיק קישעלע, זי פילט עס, און פאַרגינט עס אים נישט.

זי דרייט זיך אויס צום פענצטער און רעדט צו אים איבערן ריקן:

— איך שעם זיך צו קוקן אייך אין די אויגן אַריין, ס'וואָלט בעסער געווען, איר זאָלט מיך נישט מער באַזוכן.

ווי אַ שילער פאַר דעם לערער, מאַכט ער אַ העפלעכע פאַרבויגונג און זאָגט פייערלעך, ווי אַ שבועה:

— כ'וואַרף זיך אונטער אייער באַפעל — און איז אַוועק.

ווען זי איז געבליבן אַליין, האָט זיך איר נאָכאַמאָל אַרויסגעריסן דאָס וואָרט:

— טכויר! — מיט דעם וואָרט האָט זי געפילט, ווי זי וואָלט אים אַרויסגעוואָרפן און פרעך, ווי אַ גאַסן-פרוי איז זי צו צו דער טיר מיט ברייטע שפרייזן און פאַרשלאָסן מיט אַ סקריפּ.

פון דאַמאָלס אָן איז דניאל עולה-רגל צו אירע פענצטער, יעדעס מאָל, ווען ער האָט נאָר פרייע צייט.

ס'ציט אים צו איר, ווי אַ שיכור אין שענק אַריין.

* * *

דער גאָרטן איז איבערפולט מיט פאַרמאַטערטע, וואָס זוכן זיך אָן אָרט אָפּצורוען.

ווי אַ שנור פערל, הענגען אין אַ גראָדער ליניע די עלעקטרישע לאָמפּן און וואַרפן פון זיך גריז-געלע שטראַלן.

די קיזל-שטיינער רוישן אונטער די טריט און מישן זיך אויס מיט דעם פּלעטשקען פון וואַסער. אונטער די הויכע ביימער זעען די מענטשן אויס, ווי קליינע מוראַשקעס, וועלכע קריכן אין אַלע ווינקעלעך און פאַרפּילן יעדן ליידיקן פּלאַץ.

דניאל שפּאַצירט מיט געצלען. דער ערשטער: אַ הויכער, אַ גלייכער, ווי אַ סטאַטוע, דער צווייטער: אַ נידעריקער מיט אַ געבויגענעם רוקן. דניאל דרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, קוקט יעדן נאָך, דער צווייטער גייט פאַרטראַכט, רעדט לאַנגזאַם.

— צוויי מאָל האָט איר געגעכטיקט ביי איר? — פרעגט דניאל פּלוצים, ווי ער וואָלט זיך דאָס דערמאָנט.

— יאָ!

— און פאַרוואָס ווילט איר יעצט איבעררייסן?

— כ׳האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך מיר געטראָפן אַ נייע באַקאַנטשאַפט, וועלכע איז מיר נענטער צום האַרצן.

— ווער איז עס? — פרעגט דניאל נייגעריק.

— וואָס איז אייך דער אונטערשיד?

— איך קען זי נישט?

— כ׳זאָג אייך, אַז איר וועט זי נישט קענען, צוואָס אַזויפיל פרעגן? — ווערט געצל אומגעדולדיק.

און דניאל דערציילט אַלץ, וואָס צווישן אים און פרוי בירנבוים איז פאָרגעקומען.

— כ׳האָב מורא פאַר אָנשטעקן זיך — זאָגט ער, ווי ער וואָלט זיך פאַרטיידיקט פאַר זיין שוואַכקייט — ווער קען דען וויסן, צי זיי זענען געזונט?

— איך בין שוין נישט געווען אַזאַ נאַר, ווי איר — זאָגט געצל מיט נצחון.

— אַ נישקשהדיק מיידל די בערטאַ — זאָגט דניאל, באַלעקנדיק זיך.

זיי זעען גאָרנישט אַרום זיך; פאַר זייערע אויגן שוועבן די צוויי פרויען־געשטאַלטן, איינער איז דעם צווייטן מקנא.

נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין אויסגעשעפּט די גאַנצע טעמע וועגן ליבע, אַנטשולדיקט זיך געצל:

— כ׳מוז עפּעס באַזאָרגן.

ווען געצל איז שוין אַ שטיקל אָפּגעגאַנגען, רופט אים דניאל צוריק און זאָגט אים שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ס׳זאָל נישט עמעץ אונטערהערן:

— אָבער איר דאַרפט קיינעם נישט דערציילן.

געצל ענטפערט נישט, נאָר מאַכט אַ חוזק־שמייכעלע און גייט אַוועק.

סאָניע שלעפּט זיך איבער דער שטוב מיט איר לאָמען פוס, ווי אַ פויגל מיט אַן אָפּגעבראָכענעם פליגל.

— ניין אַ זייגער נעם איך נישט מער אַן — זאָגט זי האַלב־ערנסט, האַלב־איראָניע — איך וויל מיר אויך האָבן מיין רו־צייט.

ביסלעכווייז האָבן אירע קליענטקעס פאַרלאָזט דעם אַטעליע.

גייענדיק איבער דער שטוב, שטעלט סאָניע לייכט דעם געזונטן פוס און שלעפּט שווער נאָך דעם אַנדערן, ווי זי וואָלט געוויגן אַ שווער געוויכט. זי לויפט אַהין און אַהער, אַ לייכטן שפּרונג און אַ שווערן צי, אַ לייכטן שפּרונג און אַ שווערן צי אין אומגלייכן טאַקט.

ווען זי איז געבליבן אַליין, ווערט זי אינגאַנצן ערנסט און נישט געקוקט אויף איר שטאַרקער פאַרטראַכטקייט, האָט איר פּנים אויסגעזען שמייכלענדיק.

זי זעט אויס אינגאַנצן אַ ווייבע, אַ צעשמייכלטע, אירע

ליפן צעצויגן, מיט צווי לאַכגריבעלעך אויף די באַקן, אַ נידע־ריקן, דיקן האַלז, שטאַרק דעקאָלטירט, די פינגער קורצע, מיט שמאַלץ־גריבעלעך.

ווען געצל איז אַריינגעקומען, דערלאַנגט ער איר אַן אויס־געצויגענע האַנט, ווי פינף שטיקלעך כריין.

ער באַטראַכט זי אַביסל פונדערווייט, זי זאָל נישט באַמערקן.

אירע קורץ־געשוירענע האָר ליגן גלאַט, אירע פיאָלעטע סאַמעט־אויגן האָבן אויף אים געקוקט מיט זייער שטענדיקער קינדישקייט און צוטרוי.

ער איז באַגייסטערט פון איר אויסזען, אין געדאַנק וויל ער זי פאַרגלייכן צו עפּעס אַ מיטאָלאָגישן גאָט.

— אַ דיאַנאַ — טראַכט ער זיך.

זיי שמועסן אַביסל; רעדנדיק, וויל ער זי אַרומנעמען.

— עפּעס אַזוי סענטימענטאַל? — זאָגט זי שטיפעריש און רוקט זיך אָפּ פון אים.

— איך האָב אייך יעצט אויפריכטיק ליב — זאָגט ער, ציענ־דיק זיך צו איר.

ער הויבט אָן רעדן ערנסט, שטיל פייערלעך, אַזוי, אַז זי מוז אים גלויבן, און זי דערציילט אים, אַז איר משפחה וועט זי שטיצן, זי וועט אים אויסבאָרגן אַ סומע געלט.

דערווייל ווערט שפּעט.

— יעצט אַהיימגיין? — פרעגט ער — מיר זענען דאָך „היינטיקע מענטשן"...

גאַנץ פרי, די טונקעלע שאָטנס האָבן זיך פון דעם קליי־נעם שטיבל אַרויסגערוקט, צוערשט האָבן זיי זיך אַוועקגעשאַרט פון פענצטער, שפּעטער פון די ווינקלען, ביז זיי האָבן אָפּגע־דעקט די פּאָר מעבל־זאַכן.

די ראָזעווע ראָלעטן, וועלכע פאַרשטעלן די דורכשיינענ־דיקע זון, האָבן אויף אַלעם געוואָרפן אַ פאַרביקן שיין. ער באַטראַכט איר שלאָפנדיקן קאָפּ.

— וויפיל נאַרישקייטן דאָס שיינע מויל קען רעדן — זאָגט ער זיך — צום ליבסטן האָב איך זי, ווען זי שווייגט.

ער קען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ שיינער קאָפּ קען זיין אַזוי נאַריש.

— אָבער ווער נויטיקט זיך דען אין איר חכמה? — זאָגט ער זיך באַלד.

ער טוט זיך שנעל אָן, שרייבט אָן אַ צעטעלע, ווו זיי זאָלן זיך טרעפן און גייט אַרויס, פאַרמאַכנדיק די טיר אויפן קלאַפּשלאָס.

שוין זייענדיק אין גאַס, זאָגט ער צו זיך אַליין:

— זי וועט גלויבן, אַז כ'האָב זי נישט געוואָלט איבער־וועקן, כ'האָב נאָר נישט געוואָלט, זי זאָל אָנהויבן רעדן. צו וואָס זאָל זי זיך מיר אַזוי שנעל פאַרמיאוסן?

ווען געצל איז נעכטן אַוועק פון דניאלן אין גאָרטן, האָט דער צווייטער נישט לאַנג געוואַרט, נאָר איז גלייך אַרויף צו בערטען.

ווי תמיד, איז ער אַריינגעקומען ברייטלעך, זיך גוט אויסגעהוסט, געוואָרפן אַ בליק אין שפיגל אַריין און מעכאַניש זיך פאַררעכט דעם קראַוואַט, פרעגנדיק:

— וואָס הערט זיך?

דערווייל, באַטראַכט ער זי, צי מען דערקענט אין איר עפּעס אַן איבערלעבעניש, אַ קליין דראַמעלע.

אָבער זי האַלט זיך גוט, פון יעדער קלייניקייט לאַכט זי הויך, דערציילט פון איר דערפאָלג ביי יינגלעך, און פאַראיבער־ביינדיק פרעגט זי מכלומרשט גלייכגילטיק:

— וואָס זעט מען עפּעס נישט אייער חבר?

— וועלכן חבר?

— געצלען, מיין איך.

— געצלען? — מאַכט ער אַ גרינגשעצנדיקע מינע — אַ חבר? הע, הע, ער איז גאָר מיינער אַ חבר! אַ באַקאַנטער, מיט וועמען כ׳רעד אַמאָל אַ וואָרט.

— איך ווייס, אַז איר גייט מיט אים אָפּט — שפּאַרט אים בערטאַ איבער

— גייט שוין! — רעגט ער זיך אויף — אַז מען רעדט שוין מיט אַ מענטש אַ פּאָר ווערטער, הייסט ער שוין אַ חבר?

און ער נעמט דערקלערן דעם אונטערשיד צווישן פריינט-שאַפט און חברשאַפט.

— די עלעמענטאַרע פאָדערונגען פון מענטש — הויבט ער אָן, נעמענדיק גלעטן בערטעס האַנט, קוקנדיק איר אין די אויגן — ס׳זענען דאָך פאַראַנען זאַכן, וואָס דער מענטש מוז זיך זיי אונ-טערוואַרפן אפילו קעגן זיין אייגענעם ווילן — קלערט ער איר אויף.

זי וויל באַפרייען איר האַנט, ער לאָזט נישט.

— לאָזט מיך, כ׳מוז עפּעס טון אין שטוב — רייסט זיך בערטאַ.

ער פאַרגעסט דערוויל, וועגן וואָס ער האָט אָנגעהויבן רעדן, אים שטייען פאַר די אויגן די פּאָזעס, וועלכע געצל האָט אים פאַרגעשטעלט.

— איר ווילט גאָרנישט פאַרברענגען מיט מיר? — פרעגט ער זי מיט אַ פרעמדער שטים.

זיין פּנים פאַרקרומט זיך, די אויגן גלאָצן, ווי ביי אַ משוגענעם, זי דערשרעקט זיך פאַר אים.

— „אַלע זענען זיי גלייך" — טראַכט זי זיך.

ער ווילּ איר אַ קניפּ טון אין באַק

דעם גאַנצן צאָרן, וואָס האָט זיך ביי איר אָנגעזאַמלט קעגן געצלען, ווילּ זי יעצט אים ווארפן אין פּנים אַריין.

— אַלס „מענטש" קענט איר גאָרנישט קומען צו אַ מיידל, וואָס? איר מיינט, אַז איר מוזט זיך באַמיען דווקא צו דער-וועקן אירע אינסטינקטן?

ער רוקט זיך אָפּ.

— וואָס קומט אייך אויפן געדאַנק? — טענהט ער צו איר — אַז איר פאַרשטייט נישט קיין ברודערלעכע פריינטשאַפט, בין איך נישט שולדיק, איך גלויב, אַז איר קענט אויף מיר נישט טראַכטן עפּעס אוממאָראַלישעס — ענדיקט ער מיט אַ זי-כערקייט.

— זיכער בין איך אייך נישט חושד אין קיין שלעכטע רעיונות — אָבער איך ווייס נישט, וואָס איר רופט אָן „אוממאָ-ראַליש" אָדער „מאָראַליש".

דניאלּ איז אַוועק פון בערטען אַן אָפּגענאַרטער.

ער שפּאַצירט פאַרביי דעם הויז פון פרוי בירנבוים און קוקט אַרויף צו איר אין פענצטער אַריין.

— דאָ קען איך נישט אַרויפקומען, מיט בערטען איז אויך גאָרנישט צו מאַכן — זאָגט ער זיך — צייט צו ענדיקן מיט דעם קאַוואַלערישן לעבן.

ער גייט אַהיים מיט אַ פולן קאָפּ פּלענער.

* *
*

אַ וואַרעמער טאָג שוועבט איבערן חללּ, ס'שמעקט מיט פרישע פּרות, קאַשטאַן-ביימער און וואַקסנדיק גראָז.

געצלּ זיצט אין שטאָטישן גאָרטן ביים וואַסער, קוקט נאָך די פיש, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ שטיקעלע בראָקן, וואָס אַ קינד וואַרפט אַריין אין וואַסער.

דער גאָרטן איז איבערפולט מיט יונגע באַחנטע מאַמעס, מיט קינדערלעך, וואָס קוקן בהרחבותדיק ארויס פון די לאַקירטע וועגעלעך, ס'שלעפן זיך זילבער-באַוואַקסענע עמעריטן און ייִנגע אינוואַלידן, גראָב-באַלייבטע ניאַניעס מיט קינדער אויף די הענט פלירטעווען מיט זעלנער, גרעסערע קינדער יאָגן זיך ארום מיט זייערע גאָווערנאַנטקעס, און ווי אַ פאַרצערעטע לאַטע אויף אַ פאַרביקן טעפּיך, זעט אויס אַ גרופּע פון אַ פּאָר ארבעטסלאָזע, וואָס האָבן צוביסלעך געדרעמלט אויף אַ באַנק.

די שעהן האָבן זיך גערוקט לאַנגזאם און שלעפערדיק, דער העלבלויער הימל האָט זיך פון מערב-זייט באַפאַרבט קו-פער-רויט.

די באַוועגונג הויבט-אָן ווערן געדיכטער, די קינדער-שטי-מעלעך ווייניקער, די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן, ווי לבנות, אָנ-געהויבן לייכטן.

געצל לאָזט זיך אין גאַס אריין לאַנגזאַם, נישט געאיילט זיך, כאָטש ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אויף דעם אָרט, ווו ער האָט צוגעזאָגט סאָניען צו וואַרטן אויף איר.

אָט פילט ער, ווי עמעץ נעמט אים אָן ביי דער האַנט, ער דערקענט, אַז ס'איז סאָניע.

זי האָט זיך פרי צוגעשטעלט — טראַכט ער זיך — און ער באַמיט זיך צו ווייזן אַ שמייכל, אַ פריידיקן פון איבער-ראַשונג.

— כ'האָב דיך גאָרנישט באַמערקט — זאָגט ער, דער-לאַנגענדיק איר די האַנט מיט פינף אויסגעצויגענע פינגער.

ער דערקענט, אַז זי איז אויפגערעגט, אירע אויגן גלאַנצן ווי ביי אַ קאַץ.

— וואָס לאָזט מיך אזוי לאַנג שטיין ? — זאָגט זי ארויס מיט אַ צוריקגעהאַלטענער אויפרעגונג.

— געמוזט עפּעס באַזאָרגן — ענטפערט ער פון יוצא־וועגן.

זי נעמט אים אָן ביים אָרעם און שלעפּט זיך נעבן אים, ווי אַ געפּענטעטע הון.

זי גייט נישט, נאָר גיט זיך אַ וואָרף, ביי יעדן טריט, אַ הויב זיך און אַ פאַל.

ער פילט, ווי די הויט ברענט אויף אים, ער האָט דעם איינדרוק, אַז אַלע קוקן אים נאָך. ביי יעדן היפּ, וואָס זי גיט, דוכט זיך אים, אַז ער שפּרינגט אויך מיט, ווי צוויי פּאַיאַצלעך.

— ווו פאַרברענגען מיר דעם היינטיקן אָוונט? — פרעגט ער, אָפּשטעלנדיק זיך, און טראַכט זיך: — וואָס ווייניקער גיין, שטייענדיק זעט דאָך קיינער נישט איר לאָמען פוס.

— וואָס שטעלסטו זיך אָפּ? מיר קענען דאָך דערווייל גיין — ציט זי אים.

— ווייסט וואָס? — זאָגט ער, ווי ער וואָלט געמאַכט אַן אַנטדעקונג — מיר נעמען אַ טראַמוויי און פאָרן צו אין „פאָלקס־אוניווערזיטעט״.

י קרומט זיך אַביסל. — זומער אין אַזאַ אָוונט זיך שטיפּן אין אַ זאַל.

— זאָלן מיר בעסער גיין אין גאָרטן אַריין — בעט זי זיך.

— אַ וויכטיקע פאָרלעזונג היינט — רעדט ער, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, וואָס זי זאָגט.

ווי אַ קינד, וועלכעס האָרכט אַ בייזן טאַטן, האָט זי אים געפאָלגט.

שוין זיצנדיק אין טראַמוויי, קלערט ער איר אויף, אַז ס'איז פּראַקטישער, זיי זאָלן היינט פאַרברענגען אינדערהיים ביי איר אין שטוב.

— מ׳מוז זיך גוט אדורכשמועסן וועגן אונזערע ווייטערע פלענער — מיינט ער און זי גיט נאָך.

טרינקנדיק די טיי, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, רעדט ער מיט זיך אַליין אין געדאַנק.

צי וועל איך מיך קענען מיט איר צוזאַמענלעבן? — איר גייסטיקע נישט דערוואַקסנקייט, בין איך איר שוין מוחל. אָבער כ׳שעם מיך דאָך מיט איר צו גיין — וויל ער זיך אַליין אָפּשמייסן.

— כ׳האָב שוין באַשטעלט פאַרלאָבונגס-קאַרטן — דערציילט זי אים מיט פרייד.

דערהערנדיק די ווערטער, ווערט אים, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער.

ער פילט אַן איבלקייט אין מויל, ער קען נישט מער אויסטרינקען די טיי, ער ווייסט, אַז ער מוז עפּעס זאָגן, נאָר די שטים-רערן האָבן זיך ביי אים פאַרהאַקט.

— אפשר אָפּלייגן אויף אַ צוויי וואָכן? — שטאַמלט ער אַרויס, נישט אויפהייבנדיק די וויעס — איך פיל מיך נישט ביים פולן געזונט.

און זי הויבט אים אָן אויפוויַיזן, אַז זי קען נישט אָפּלייגן צוליב איר משפחה.

— ס׳איז דאָך נאָר פאָרמעל — קלערט זי אים אויף מיט אַ שמייכל, קוקנדיק אים צאַרט אין די אויגן אַריין — איך ברויך עס אינגאַנצן נישט.

זי לאַשטשעט זיך צו אים, ווי אַ קעצל, אונטער דער וואַרעמקייט פון אירע שלאַנגענהעפט ווערט ער שוואַך, זיינע געדאַנקען פאַרלאָזן אים און ער ציט זיך צו איר מיט זיינע אַלע חושים.

אַהיימקומענדיק, זעצט ער זיך אַוועק שרייבן, לאָזנדיק

פאַר זיך שוועבן דאָס בילד, וועלכעס ער וויל אָנשרייבן, אָבער ער קען נישט געפינען קיין פּאַסנדיקן אָנהויב.

ער פילט אין זיין מוח אַ קאָשמאַר. דאָס האַרץ קלאַפּט שנעל. דער געדאַנק, אַז באַלד וועט ער זיין מיט סאָניען אויף אייביק פאַרייניקט, רופט ביי אים אַרויס אַ שוואַכקייט ביז צום חלשן.

„ס'וואָלט פאַר מיר גאַנץ פּראַקטיש געווען מיט איר" — זאָגט אים אַ געדאַנק, — אָבער באַלד פילט ער, אַז ס'איז אוממעגלעך פאַר אים מיט איר זיך אייבצולעבן און זיין האַנט נעמט אויטאָמאַטיש שרייבן פערזן:

איך בין שוין נישט דער, וואָס צוריק מיט יאָרן,
ליבסטע, האָסט מיך קראַנק געמאַכט —
כ'זאָג שוין ניין, צו וואָס כ'האָב געשוואָרן,
כ'דין דעם טייוול מיט זיין מאַכט...

אינהאַלט

	זײט
מחשבותן	5
שאַנד	15
פֿרײלין ליזע	23
בײם טויער	35
בײ אַ חלבן ליכטל	43
אַ ליגנט	53
פּרנסה	61
אַ פֿאַרכמורעטער	69
אַ פּאָרפֿאָלק	77
זײ אַרבעטן צוזאַמען	87
אַנטױשט	95
מאָטל און מאָניעק	107
בײ קינדער אויף קעסט	117
טרויער־קלײדער	127
שימעלע וועטעראַן	135
אַ פֿאַרדינער...	143
מאַסקעס	155